THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
FEB 24 1932

A JEWISH CANADIAN DAILY Circulated All Over CANADA And Abroad

The Daily Hebrew Journal

דער אידישער זשורנאל

פאלימש אונאפהענגיג נאציאנאל
א צייטונג וועלכע נים פרייהייט פון אויסדרוק צו אלע שיכטען.

VOLUME XIX No 7801 | Monday, February 22nd, 1932 | יום ב', ט"ו אדר א', פרשה כי תשא, תרצ"ב. | טאראנטא, מאנטאג דער 22־טער פעברואר, 1932. | PRICE THREE CENTS

כינעזישער ווידערשטאנד ניט געבראכען נאך דריטען טאג פון שלאכט

פוילען וועט פארטיידיגען אירע אידישע בירגער אין גואטעמאלא

וואשינגטאן, פעב. 21, (איטא).

אזוי ווי די מעהרסטע אידען, וואס זענען געטראפען פון דעם דעקרעט צו פארלאזען גואטעמאלא, זענען פוילישע בירגער, וועט די פוילישע אמבאסאדע אין וואשינגטאן מעגליך זיך איינשטעלען פאר זיי, איז דא ערקלעהרט געווארען.

פראטעסטען געגען דעם גירוש־דעקרעט האלטען אין איין אנקומען פון פארשידענע אידישע ארגאניזאציעס צום געזאנדטען פון גואטעמאלא אין וואשינגטאן. א חוץ דעם פראטעסט פון דעם אמעריקאנעם אידישען קאנגרעס, האט דער געזאנדטער ערהאלטען דעם פראטעסט פון איזידאר הווירשפעלד, אין נאמען פון „האיאס".

„נאזעטא־ווארשאווסקא" קאנפיסקירט פאר אנטי אידישער העצע

ווארשע, פעב. 21, (איטא).

די „נאזעטא ווארשאווסקא" איז היינט קאנפיסקירט געווארען, נאכדעם ווי די צייטונג האט אפגעדרוקט א פייערדיגען העצע ארטיקעל אין פארבינדונג מיט דער דערשיסונג פונ'ם סטודענט פלאציק.

ווארשע פעב. 21, (איטא).

דער פוילישער סטודענט פלאציק, איז דא נעכטען דערשאסען געווארען אויף טויט דורך א פאליסמאן אין אן אנטיסעמיטישען ראיאט, וואס איז פארגעקומען אויף מיעדאווא גאס.

דער ראיאט האט זיך אנגעהויבען, ווען אנטיסעמיטישע סטודענטען זענען באפאלען א גרופע אידישע יונגעלייט, וואס זענען געווען אויף זייער וועג אהיים פון א קלוב־מיטינג.

די לאגע איז געווארען ערנסט און פלאציק'ס חברים האבען גענומען דראהען דעם פאליסמאן. ענדליך זענען אנגעקומען נאך פאליציי, און א צאהל זענען ארעסטירט געווארען.

יאפאנעזער גופא באוואונדערען מערקווירדיגען כינעזישען ווידערשטאנד. — בלויז 400 כינעזישע סאלדאטען פארטיידיגען העלדיש זייערע פאזיציעס. — שלאכטען קומען אויך פאר אין מאנדזשוריע. — וואהלען אין יאפאן גרעסטער זיעג פאר מיליטאריסטען.

שאנכאי, פעב. 22. (מאנטאג).

די אנטשיידענע שלאכט ארום שאנכאי וועלכע איז אנגעהויבען געווארען פון דער מעכטיגער יאפאנעזישער ארמיי שבת פריה, איז היינט אריינגעטראטען אין איהר דריטען טאג, מיט די כינעזער אויפהאלטענדיג זייערע פאזיציעס ניט אונטערבראכען. יעדע יאפאנעזישע אפענסיווע וועלכע איז, ביז איצט געמאכט געווארען אויף דריי פראנטען, איז יעדעס מאל צוריקגעשטויסען געווארען פון די כינעזער, מיט אזא קראפט, אז די יאפאנעזישע סאלדאטען זענען דערשיטערט געווארע פון דעם מערקווירדיגען מוט און אויסדויער פון די פיעל שוואכערע כינעזישע טרופען.

די הויפט שלאכט איז ביידע טע־ קאנצענטרירט געווארען ארום דעם דארף קיאנגוואן, וועלכער איז דער שוואכסטער כינעזישער פונקט פון די איבעריגע צוויי פראנטען. בלויז 400 כינעזישע סאלדאטען זענען היינט פארבליבען אין קיאנגוואן, און דאך האבען זיי צושמעטערט יעדע יאפאנעזישע אפענסיווע, פון 25 טויזענט יאפאנעזישע סאלדאטען, מיט שווערע ארטילעריע, טענקס, מיליטערישע עראפלאנען קריעגס־שיפען און ד. גל.

דריי מאל האבען די יאפאנעזער שוין געהאלטען ביים פארכאפען קיאנגוואן, אבער יעדעס מאל זענען זיי קוים אנטלאפען פונ'ם כינעזישען „פייער".

היינט פארטאג איז די שלאכט ווידער באנייט געווארען מיט איהר גאנצער מעכטיגקייט, נאך עטליכע שטונדען פון רוה.

די שלאכט האט זיך אנגעהויבען שבת פריה און עס האט זיך ענטוויקעלט צו אזא ערנסטען צושטאנד וואס האט געצוואונגען אז א גרויסע יאפאנעזישע סאלדאטען - אפטיילונג זאל ספעציעל ארויסגערופען ווערען.

אן ארמיי פון 500 כינעזישע סאלדאטען אונטער דער פיהרערשאפט פון גענעראל וואנג טען־לין איז פלוצלונג איבערגעפאלען דער קליינער יאפאנעזישער אפטיילונג אין טונהוא. צוויי יאפאנעזער זענען געטויט געווארען און פיעלע זענען פארוואונדעט געווארען.

פון כארבין איז באריכטעט געווארען, אז גענעראל מאה טשאן־שאן, וועלכער האט זיך פארקויפט צו יאפאן, האט געשיקט אן ארמיי פון 2,000 פון זיינע בעסטע סאלדאטען, צו אונטערדריקען אן אויפשטאנד אין פעיען, פון אנטי־יאפאנעזישע קרעפטען.

זשענעווא, פעב. 21.

דער עקזעקוטיוו קאונסיל פון וועלקער־ליגע האט ארויסגעשיקט איינלאדונגען צו אלע רעגירונגען פון דער וועלט צו דער ספעציעלער בעראטונג וועגען יאפאנעזישען אנגריף אויף כינע, וואס די ליגע רופט פאר'ן 3־טען מערץ.

צו דעם ספעציעלען צוזאמענקונפט פון דער ליגע אף נעישאנס זענען איינגעלאדען געווארען ניט בלויז די 55 רעגירונגען, וואס באלאנגען צו דער ליגע, נאר אויך סאוויעט־רוסלאנד, אמעריקע, טערקיי, בראזיל און די דריי אנדערע לענדער, וואס שטעהען נאך אויסער דער פעלקער־ליגע.

באנייטע שלאכטען אין מאנדזשוריע

טשאנגטשון, מאנדזשוריע, פעב. 21

א ביטערע שלאכט האט אויסגעבראכען צווישען כינעזישע און יאפאנעזישע סאלדאטען אין דער שטאדט טונהוא, וועלכער איז א וויכטיגער סטראטעגישער פונקט אין דער פראווינץ קירין. די דאזיגע פראווינץ איז איצט א טייל פון דער נייער מאנדזשוריער רעפובליק, באקאנט אונטער'ן נאמען „דאס לאנד פון שלום".

וואהלען אין יאפאן גרויסער זיעג פאר מיליטאריסטען

טאקיא, פעב. 22, (מאנטאג).

דער רעזולטאט פון די נעכטיגע וואהלען אין יאפאן איז געווען א פיעל גרעסערער זיעג פאר די מיליטאריסטען ווי דערווארט. די סעיוקאי פארטיי (מיליטאריסטישע) האט געהאט א גוואלדיגען זיעג, דערוועהלענדיג ביז איצט 96 דעפוטאטען, געגען 60 דעפוטאטען פון אלע אנדערע פארטייען.

3 פאר'משפט צום טויט אין רוסלאנד פאר א פרוכט־שווינדעל

לענינגראד, פעב. 21.

דריי מענער זענען פאר'משפט געווארען צום טויט און 41 אנדערע זענען אפגעקומען מיט פריזאן־טערמינען פון 1 ביז 10 יאהר, פאר אנפיהרען אן ארגאניזירטע „רעקעטירינג" אין דעם רעגירונגס פרוכט און גרינסען מארקעט. זיי זענען באשולדיגט געווארען אין קאנטער־רעוואלוציאנערער אקטיוויטעט, האבענדיג אלס צוועק צו אונטערגראבען דעם סאוויעטישען ריטייל האנדעל.

די קלאגע געגען זיי לויטעט, אז זיי האבען געגעבען פאלשע וואג, און אז זיי האבען פארקויפט שלעכטע פראדוקטען אין אלע 49 קאאפעראטיווע פרוכט און גרינסען מאגאזינען אין לענינגראד.

טראצקי פארלירט סאוויעטישע בירגער־רעכט אויף אייביג

מאסקווע, פעב. 21.

לעאן טראצקי און 36 פון זיינע אנהענגער וועלכע וואוינען איצט אין אויסלאנד האבען היינט פארלוירען זייערע סאוויעטישע בירגער־רעכט און זענען פארבאטען געווארען „אויף אייביג" צו אומקעהרען זיך קיין רוסלאנד.

דאס איז דורכגעפיהרט געווארען פון דעם פרעזידיום פונ'ם צענטראלען עקזעקוטיוו קאמיטעט.

סטריט־קאר אנגעשטעלטע אין האמילטאן דערקלערען א סטרייק

האמילטאן, פעב. 21.

דריי הונדערט קאנדוקטארען, מאטארלייט, באס־דרייווערס און אנדערע אנגעשטעלטע פון דער היגער סטריט־קאר קאמפאניע, האבען ביי א מאסמיטינג, וועלכער איז אפגעהאלטען געווארען שבת ביינאכט, באשלאסען צו ארויסגעהן אין סטרייק אין קאמף געגען דעם פארזוך צו שניידען זייערע וויידזשעס.

די אנטעריא הײדרא קאמישאן, וועלכע קאנטראלירט די סטריט־קארס, האבען באשלאסען צו שניידען די וויידזשעס פון אלע אנגעשטעלטע אויף 20 פראצענט, און דערפאר איז דער באשלוס פאר א גענעראל סטרייק איינשטימיג אנגענומען געווארען פון די ארבייטער.

דער סטרייק, וועט, לויט'ן באשלוס, אנגעהויבען ווערען דעם 15־טען מערץ.

אונגארישער סענאט האט ניט קיין אידען

בודאפעסט, פעב. 21, (איטא).

צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון דער אונגארישער רעפובליק וועט די אידישע באפעלקערונג ניט האבען קיין פארשטעהער אין סענאט, איז דא באוואוסט געווארען, ווען מען האט פארעפענטליכט די רעזולטאטען פון די לעצטע וואהלען.

פראפ. איינשטיינ'ס פרוי קראנק

פאסאדינא, קאל., פעב. 20.

מרס. אלבערט איינשטיין, די פרוי פון דעם בארימטען וויסענשאפטסמאן, איז קראנק געווארען, ליידענדיג פון א פארקיהלונג.

N Y Public Library
476 Fifth Ave
NEW YORK N Y

אמעריקאנער פרעזידענט און קריגס [illegible]סטער אנטשולדיגען זיך פאר אידען פאר אנטי[illegible]שען ארטיקעל

שיקען צו באדויערונגס־מעסעדזשעס צו אמעריקא[illegible]שע מלחמה־וועטעראנען וועגען אן אנטי־אידישען ארטיקעל וועלכער איז דערשינען אין „ארמי ענד נעיווי רעדזשיסטער". — עס איז פאר מיר געווען א שטאלץ צו דיענען מיט אידישע סאלדאטען, זאגט קריעגס מיניסטער.

באסטאן, פעב. 21, (איטא).

דער אמעריקאנער „סעקרעטערי אף וואר" (קריעגס מיניסטער) פעטריק דזש. הוירלי האט צוגעשיקט די פאלגענדע טעלעגראמע צום הויפט קאמאנדיר פון די אידישע מלחמה־וועטעראנען פון אמעריקע, קעפטען העראלד זיידענבערג:

„די צייטונג „ארמי ענד נעיווי רעדזשיסטער" איז ניט דער אפיציעלער ארגאן פונ'ם קריעגס־דעפארטמענט, נאר עס איז א פריוואטע אונטערנעהמונג, וואס ווערט אנגעפיהרט פון ציווילע בירגער.

„איך באדויער זעהר וואס אזעלכע פארברעכערישע סטייטמענטס זענען געדרוקט געווארען אין יענער צייטונג. איך האב ניט קיין רעספעקט פאר קיין מענשען וועלכער באהאלט זיין נאמען כדי צו מאכען אן אטאקע אויף א וועלכער עס איז גרופע פון פאטריאטישע אמעריקאנער בירגער.

„אלס א באאמטער פון דער אמעריקאנער ארמיי מוזט איהר וויסען, אז די שטעלונג פון דעם דאזיגען איינציגען, איזאלירטען פערזאן (וועלכער האט געמאכט די אנטיסעמיטישע אטאקע), שפיגעלט ניט אפ אויף קיין אופן, די מיינונג פונ'ם קריעגס־דעפארטמענט, אויך ניט פון די מעהרסטע באאמטע און סאלדאטען וועלכע שטעלען צונויף אונזער ארמיי.

„דער קריעגס דעפארטמענט אנערקענט ניט קיין חילוק צווישען ראסע אדער אפשטאם. פערזענליך און אפיציעל בין איך היינט שטאלץ מיט די אמעריקאנער אידען אין אונזער ארמיי און מיט יענע אידען מיט וועלכע איך האב געדיענט אין דער וועלט מלחמה".

קעפטען זיידענבערג האט אויך דערהאלטען דעם פאלגענדען בריעף פון פרעזידענט הואווער'ס סעקרעטאר.

„אייער טעלעגראמע וועגען דעם ארטיקעל אין דער צייטונג „ארמי ענד נעיווי רעדזשיסטער" האב איך דערהאלטען און מיט דער דירעקציע פונ'ם פרעזידענט וועט דער ענין געבראכט ווערען צו דער אויפמערקזאמקייט פון קריעגס מיניסטער און דעם נעיווי מיניסטער".

וואשינגטאן, פעב. 21, (איטא).

די אפיסעס פון די סעקרעטעריס אף נעיווי און קריעג האבען באקומען צעהנדליגער פראטעסט־טעלעגראמעס פון אלע טיילען פון לאנד געגען די שענדליכע באשולדיגונגען, וואס זענען געמאכט געווארען אויף אידען אין דעם „ארמי און נעיווי רעדזשיסטער".

דזשענעראל פוירשינג, הויפט פון דער אמעריקאנער ארמיי אין דער וועלט־מלחמה, האט אויך געקראגען פיעל טעלעגראמעס פון אמעריקאנער אידישע סאלדאטען, וואס האבען זיך באטייליגט אין וועלט־קריעג אונטער זיין פיהרערשאפט. דזשענעראל פוירשינג ווערט אין די טעלעגראמעס געבעטען צו נעהמען א האנט געגען די באשולדיגונגען פון דער וואשינגטאנער מיליטערישער צייטונג, וואס האט געזאגט, אז אידען זענען ניט פאטריאטיש און ווילען ניט פארטיידיגען די לענדער, וואו זיי וואוינען.

אפיציעלע ציפערן, וואס זענען דא נעכטען פארעפענטליכט געווארען, אין פארבינדונג מיט דער אטאקע פון „ארמי און נעיווי רעדזשיסטער", צייגען, אז איבער 150,000 אמעריקאנער אידען האבען געדינט אין דער ארמיי און אין דער נעיווי אין פארלויף פון דער וועלט־מלחמה.

אידישער ארבייטער קריגט שווערע שטראף אין ווילנע

ווילנע, פעב. 21, (איטא).

זלמן רובין, דער 20 יעהריגער אידישער שניידער־יונג, איז פאראורטיילט געווארען צו דריי יאהר שווערע טורמע אין צוזאמענהאנג מיט די אטאקעס אויף אידען לעצטען נאוועמבער.

דאס איז די גרעסטע שטראף, וואס איז ארויסגעגעבען געווארען אין פארבינדונג מיט די נאוועמבער־געשעהענישען.

רובין איז באשולדיגט געווארען אין שלאגען א קריסטליכען סטודענט בעת די אנטי־אידישע אטאקעס. ער האט די באשולדיגונג ניט געלייקענט, זאגענדיג, אז ער האט געשלאגען דעם סטודענט, וועלכער האט געשלאגען א אידישע פרוי פאר וועלכער רובין האט זיך אנגענומען.

„נאצים" עקספלואטירען הינדענבורג־וואהלען געגען אידען

בערלין, פעב. 21, (איטא).

די „נאצי" פרעסע נוצט אויס הינדענבורג'ס פרעזידענט וואהלען צו אויפהעצען אן אנטי־אידישע אגיטאציע. דער „פעלקישער באאבאכטער" זאגט, אז הינדענבורג איז ניט קיין אמת'ער דייטש, ווייל ער איז דערוועהלט געווארען פון אידען.

אידישע סטודענטען אין פוילען זענען ארים

ווארשע, פעב. 21, (איטא).

זיבעציג פראצענט פון די אידישע סטודענטען אין פוילען זענען אין נויט און קענען ניט באצאהלען זייער אוניווערזיטעט שכר־למוד און די קליינע רענט אין דער סטודענטען היים.

מאסען אידישע סטודענטען האבען דעריבער אויפגעהערט לערנען און האבען זיך אומגעקעהרט אין זייערע היימישע שטעדטלאך.

רעקאמענדאציע צו אריינלאזען עלטערען קיין אמעריקע

וואשינגטאן, פעב. 21.

די רולס קאמיטע פון רעפרעזענטאנטען־הויז האט רעקאמענדירט, אז די אימיגראציע־געזעצע זאלען מאדיפיצירט ווערען אזוי, אז עלטערן פון נאטוראליזירטע בירגער זאלען ניט אריינגעהן אין דער אימיגראציע קוואטא. די רעקאמענדאציע באציהט זיך אבער בלויז אויף אזעלכע עלטערען, וואס זענען איבער 60 יאהר אלט.

בריאנ'ס צושטאנד ערגער

קאקערעל, פראנקרייך, פעב. 21.

דער צושטאנד פון אריסטיד בריאן, געוועזענער פראנצויזישער אויסלאנדס מיניסטער און פרעמיער, איז היינט געווארען פיעל ערגער ווען זיין הארץ אין פלוצלונג שטארק אפגעשוואכט געווארען. צוויי ספעציאליסטען זענען ארויסגערופען געווארען פון פאריז.

בריאן קען ניט אטעמען, און ער מוז שלאפען אין א שטול אנשטאט אין א בעט.

5,000 דאלאר נעכטען געשאפען ביים קאמפיין־באנקעט פון ת"ת „עץ־חיים"

מיט דער באדייטענדער סומע פון $5,000 איז נעכטען אווענט אנגעהויבען געווארען דער קאמפיין פון דער תלמוד־תורה „עץ־חיים", צו שאפען 25 טויזענט דאלאר.

נאכדעם ווי דער דאזיגער דערמוטיגענדער אנהויב איז געמאכט געווארען

הרב י. ל. גרויבארט

האבען די קאמפיין־טוער זיך אריינגעווארפען מיט זייער גאנצער ענערגיע צו שאפען די פולע סומע, און דער קאמפיין איז איצט אין פולען שוואונג.

א גרויסער, יום־טוב'דיגער עולם איז געקומען צום קאמפיין באנקעט, וועלכער איז פארגעקומען אינ'ם שעהנעם האל פון דער ת"ת אויף ד'ארסי סטריט. דער בארשט ארקעסטער האט געשפיעלט און די פארזאמעלטע האבען זיך געלאזט וואוילגעהן פון די געשמאקע מאכלים.

דערנאך האט זיך אנגעהויבען דער וויכטיגסטער טייל פונ'ם באנקעט — די ארבייט פון זאמלען ביישטייערונגען. מר. יצחק־מאיר קאראלניק האט אויסגערופען די סומען, און גאנץ שנעל איז צוזאמעלט געשאפען געווארען די סומע פון $5,000.

צווישען די גרעסערע ביישטייערונגען זענען געווען: קהלה, $500; חלבשת ערומים, $300; ישראל עפשטיין, קאמפיין טשערמאן, $100; א. שווארץ, $100; ר. טאטאר, $100; הסתדרות השוחטים, $100; באנק אף קאמערץ, $50; אנטעריא סייווינגס אפיס, $50; מר. נ. סמיט, $50; מר. לעווין, $50; מר. גריינער, $25; מ. שאפירא, $25, און מר. טענענבוים, $25.

צום אלעם ערשטען האט דער פרעזידענט, מר. יוסף לעווין, פארגעשטעלט דעם וויים־פרעזידענט, מר. י. עפשטיין, אלס טשערמאן פונ'ם אווענט. מר. לעווין האט געזאגט עטליכע פאסיגע ווערטער צו דער געלעגענהייט. דערנאך האט דער קאמפיין טשערמאן געהאלטען א ווארימע רעדע און עס האבען אויך גערעדט, ע. פ. סינגער, קיי.סי., קאנטראלער ראבינס, קאנטראלער מעקברייד, אלדערמאן נייטען פיליפס, קיי.סי., אלדערמאן גליעז, ש. מ. שאפירא, רעדאקטאר פון „זשורנאל", מרס. דזשאשוא סמיט.

נאכדעם האט הרב יהודא־ליב גרויבארט געהאלטען א שטארקע רעדע אין וועלכער ער האט אנגעוויזען אויף דער וויכטיגקייט פונ'ם אנשטאלט אלס א דערציאונגס אינסטיטוציע פאר אידישע קינדער. דערנאך האט ער פארגעשטעלט דעם פעסט־רעדנער און עהרען־גאסט פונ'ם אווענט, הרב ש. סילווער פון שיקאגא.

אפשטעלענדיג זיך אויפ'ן פאקט וואס דאס אידישע פאלק האט שטענדיג געבראכט קרבנות פאר דעם אויפהאלט און קיום פון דער תורה, האט ער געבראכט אלס ביישפיעל ירושלים און יבנה מיט איהרע חכמים, פון וואנען דער קוואל פון תורה האט שטענדיג ארויסגעשלאגען.

זיין רעדע איז זעהר ענטוזיאסטיש אויפגענומען געווארען.

ישראל עפשטיין

קאלינין זאגט אז בירא־בידזשאן וועט ווערען א אידישע רעפובליק

מאסקווע, פעב. 21, (איטא).

בירא־בידזשאן וועט זיין א אידישע רעפובליק און ניט בלויז אן אויטאנאמער טעריטאריעלער „יוניט", האט ערקלעהרט מיכאיל קאלינין, פרעזידענט פון סאוויעטען־פארבאנד, אין א סטייטמענט צו דער „אידישער טעלעגראפען אגענטור".

„עס איז ניט נויטיג קיין אידישע מעהרהייט כדי צו פארוואנדלען בירא־בידזשאן אין א אידישער רעפובליק", האט קאלינין געזאגט. „די באזעצונג פון 10 אדער 15 טויזענט אידען איז גענוג פאר דעם דאזיגען צוועק" — האט ער פארטגעזעצט, אנווייזענדיג, אז די קרימער רעפובליק איז טאטעריש, כאטש די טאטערען זענען דארט בלויז 22 פראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג.

„עס איז ניטא קיין אורזאך פארוואס רוסען, אוקראינער און אנדערע זאלען ניט קאנען לעבען באקוועם אין א אידישער רעפובליק, פונקט ווי עס לעבען די אידען אין אוקראינע און אין ווייסרוסלאנד" — האט קאלינין ערקלעהרט.

דער פרעזידענט פון סאוויעטען־פארבאנד האט זיך שטארק געבייזערט. ווען עס איז ארויסגעדריקט געווארען צווייפעל אין דער נויטיגקייט פון גרינדען א אידישע רעפובליק.

„קולטורעל און אין צאהל ווייניגער וויכטיגע פעלקער, ווי א שטייגער די טשערעמיסען און מארדווינער וואס זייער שפראך און קולטורען זענען געווען טויט, זענען אויפגעלעבט געווארען נאך דער רעוואלוציע" — האט קאלינין געזאגט.

„עס איז ניטא קיין אורזאך" — האט ער פארטגעזעצט — „פארוואס אזא הויך־קולטורעל פאלק ווי די אידען זאל ניט שטרעבען, באוואוסטזיניג אדער אומבאוואוסטזיניג, צו דער גרינדונג פון אן אייגענעם שטאט.

„די גרינדונג פון א אידישער רעפובליק וועט זיין פון נאציאנאלער און פאליטישער וויכטיגקייט ניט נאר פאר די פופציג אדער הונדערט טויזענט אידען, וואס וועלען מיט דער צייט זיך באזעצען אין בירא־בידזשאן, נאר אויך פאר דער גאנצער דריי־מיליאנינער אידישער באפעלקערונג פון סאוויעטען־פארבאנד און ביז א געוויסען גראד אויך פאר די אידען אין אויסלאנד.

„נאך אן איבעררייס פון הונדערטער יאהרען וועלען די אידען ווידער ווערען א פאלק מיט אן אייגענעם שטאט" — האט קאלינין ערקלעהרט.

„די אידען וועלען אויך צום ערשטען מאל האבען אן אייגענעם פארטרעטער אין דעם „ציק" (צענטראל־רעגיערונג) און אין אנדערע רעגירונגס־קערפערשאפטען, ניט נאר אלס אידען, נאר אלס פארשטעהער פון דער גאנצער באפעלקערונג".

☛ די נייע טעלעפאן נומערען פון „אידישען זשורנאל" זיינען: ערעלייד 7424 און עהעלייד 7425 ☛

אויפ'ן גליטשיגען וועג

א שפאנענדער ראמאן פון אידישען לעבען אויף דער זייט ים

געשריבען פון פארפאסער פון "אונטערוועלט"

מארק סארדעל

(נאכדרוקען פארבאטען.)

(פארזעצונג)

— האסטו שוין געהערט אזוינס אויף דיין לעבען? — האט זי אויסגעשריען — אלץ דארף זי וויסען! שטיק נאר! וואס האט צו טאן איינס מיט'ן אנדערען? למאי רופען זיי מיך צו זיך אין געסט? דארף איך זיי דערפאר צוריק רופען. ניט אזוי, סאניע?

סאניע איז רויט געווארען און די צונג איהרע האט זיך אזוי ווי צוגעקלעפט צום גומען. יא, אזוי איז עס... האט זי צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ. וואס דען האט זי געקענט זאגען?

ענדליך זענען זיי פארטיג געווארען מיט די בריעף. עס איז געווען א היבש פעקעל. אפשר צוויי הונדערט אין צאהל. א גאנצע חתונה... האט סאניע געטראכט.. וויפיעל עסען מען דארף אנגרייטען פאר אזוי פיעל מענשען... וויפיעל געלט דאס וועט אפקאסטען.

— סאניע, דו וועסט זיין אזוי גוט און פארזארגען די בריעף — האט די מאדאם געזאגט און האט זיך אויפגעהויבען.

— ווען די צוויי מיידלאך זענען געבליבען אליין, האט בעטי זיך שנעל צוגערוקט צו סאניע'ן:

— דו וועסט ניט געהן אזוי שפעט ארייננווארפען די בריעף — האט זי געזאגט צו איהר.

— פארוואס ניט? — האט סאניע זיך גערוואונדערט.

— עס איז דאך פינסטער, שפעט ביי נאכט — האט בעטי איהר איינגערעדט — איך וועל זיי ארייננווארפען אין דער פריה.

— אין דער פריה?

— שור, אין דער פריה, ווען איך וועל געהן אין סקוהל — האט בעטי געזאגט — ס'איז נאך דא גענוג צייט. די פארטי איז ערשט נעקסטע וואך.

— אבער מאמע וועט זיין בייז... — האט סאניע זיך געשראקען.

— די מאמע וועט גאר ניט וויסען... — האט בעטי שטיפעריש געלאכט — איך וועל זיי באהאלטען ביי מיר, אין מיין סקוהל בעג.

— און ווי אז דו וועסט פארגעסען זיי ארייננצואווארפען? — איז סאניע אלץ ניט געווען זיכער.

— וועסט מיך דערמאנען אין דער פריה... יא, סאניע?

סאניע האט געשמייכעלט. האט ארומגענומען דאס קליינע מיידעל און נאך איהר א קוש געטאן.

— גוט נאכט — האט געזאגט בעטי.

א— גוטע נאכט... — האט געענטפערט סאניע.

זי איז געשטאנען ביי דער טיר און האט געזעהן ווי די קליינע בעטי האט פארזיכטיג צונויפגענומען אלע בריעף און האט זיי אריינגעלייגט צו זיך אין סקוהל-בעג. דאן ערשט איז זי אריין צו זיך אין צימער, האט זיך אויסגעטאן און האט זיך געלייגט שלאפען.

ווען זי איז אויפגעשטאנען, איז איהר ערשטער געדאנק געווען די בריעף. זי איז שנעל ארונטערגעלאפען אין ברעקפעסט צימער, וואו בעטי האט שוין געווארט ביים טיר.

— העלא!... — האט בעטי זי באגעגענט מיט שמייכלענדיגע אויגען.

— גוט מארנינג... האט סאניע געזאגט — וועסט ניט זיין שפעט אין סקוהל, בעטי?

— שפעט? ניין. — האט בעטי געענטפערט מיט א זיכער קול.

און ווען זי איז שוין געשטאנען גרייט ארויסצוגעהן פון הויז, איז סאניע שנעל צוגעלאפען צו איהר און האט איהר שטיל אריינגערוימט אין אויער:

— פארגעס ניט די בריעף, בעטי...

בעטי האט אויף איהר א קוק געטאן מיט איהרע לאכענדיגע שטיפערישע אויגען און איז שנעל ארויס דורך דער פראנט טיר.

אין די לעצטע טעג, איידער די דאזיגע פארטי האט געדארפט פארקומען, איז אין הויז געווארען א גאנצע איבערקערעניש. אזוי ווי אין א פרומער אידישער שטוב אום ערב פסח.

מאדאם האלצמאן האט א גאנצען טאג זיך ארומגעשלעפט איבער די צימערען, האט זיך געקייקעלט ווי א פעסעל און האט געפרייכט ווי א גאנז. זי האט קוים געקענט אפכאפען דעם אטעם פון איהר שווערער ארבייט מיט די דינסטען. וואס זיי האבען געטאן, איז איהר ניט געפעלען, און ווי אזוי זיי האבען געטאן, האט ניט געטויגט. סאניע האט געארבייט זעהר שווער. האט געזוכט צופרידענצושטעלען דער מאדאם'ס יעדען קאפריז, אבער עס איז איהר ניט געלונגען.

— ווי אזוי קענסטו וויסען אזעלכע זאכען, אז דו ביזט קיינמאל אין קיין

ביזנעסמאן... ארבעטער... הויזפרוי אפיס אנגעשטעלטע...בעלי-בתים

דארפט איהר בעטען די, וואס קומען אריין צו אייך אין סטאר זיי זאלען דערצעהלען זייערע באקאנטע, אז ביי אייך באקומט מען...?

דארפט איהר געהן פון פעקטארי צו פעקטארי, און פון טיר צו טיר פרעגען אפשר דארף מען...?

דארפט איהר זיך פארלאזען אויף פריינט און באקאנטע, אז אויב זיי וועלען באגעגענען אימיצען, וואס זוכט — וואס וויל — וואס האלט ביי....

דארפט איהר עפעס — זוכט איהר עפעס — פעהלט אייך עפעס — גוטע קאסטומער — ארבייט — א פלאץ, וואו מען קריגט עס ביליגער — בעסערע סחורה — אפשר א גוטען בעל מלאכה — ווילט איהר א הויז פארענטען — א הויז רענטען — קויפען — פארקויפען?

אן אדווערטייזמענט אין "אידישען זשורנאל" וועט עס אייך געבען מיט ווייניגער מיה און צו זעהר קליינעם קאסט. באזונדערס אונזערע קלאסיפיצירטע אדווערטייזמענטס קאסטען ווייניג און ברענגען רעזולטאטען.

אדווערטייזט אין „אידישען זשורנאל"

TORONTO HEBREW JOURNAL

542 DUNDAS WEST
PHONE: ADELAIDE 7424-7425

דעם לעזערס ווינקעל

ווערטער רעדאקטאר פון אידישען זשורנאל, מר. שאפירא: —

ערלויבט מיר א שטיקעל פלאץ אין אייער ווערטער צייטונג.

דער טאראנטאר מושב זקנים לעבט יעצט איבער א געפעהרליכען קריזיס. די אינסטיטוציע פארגרעסערט זיך טאג טעגליך, די בעאמטע זיינען פארנומען צו זוכען פלענער צו מאכען נאך א רום, אריינשטעלען נאך א בעט און נאך א בעט — און דער מושב זקנים איז שוין איבערפולט מיט קרוב צו 70 אלטע לייט. דאס מיינט אז די אויסגאבען ווערען גרעסער און די איינגאהמע ווערט יעדע וואך קלענער און קלענער, און ווי לאנג קען אזא אינסטיטוציע עקזיסטירען?

איך דענק אז יעדער מענש דארף א טראכט טאן וועגען דעם: נאך אלעמען ווערען מיר אלע עלטער און מיר בעטען צו ווערען עלטער, דארום מוזען מיר זעהן צו פארזארגען אויף דער עלטער. סיי ארים סיי רייך, קיין איינער קען ניט וויסען וואס דער מארגען קען ברענגען. מענשען האבען אינוועסטעט געלטער אין סטאק, און אז דער טייוועל האט דאס געוואלט צונעהמען, האט ער אפילו ניט געפרעגט ביי זיי... אבער ווען מען זאל אינוועסטען אין מושב זקנים, וואלט דאס אימערצו געווען גאנץ.

אלזא פריינדע, נעהמט דאס גוט אין אנבעטראכט, דערמאהנט דעם מושב זקנים ביי אייערע שמחה. דערמאהנט איהם פורים, פסח, דערמאהנט איהם אלע טאג.

די בעאמטע פון זייער זייט טריען זייער בעסט אין אלע הינזיכטען. אונזער חשוב'ער פרעזידענט מר. ש. הערים, איז זעהר שפארזאם. אפילו די ווידזשעס פון די אנגעשטעלטע זיינען געשניטען געווארען, און אזוי ווייטער. אבער פון די אלטע קען קיין זאך ניט געשפארט ווערען. פאר זיי האט מען "אויסגעשפייזט" זייער עס צימער, די שוהל וואו זיי זיצען און לערנען יעדען טאג. איבערהויפט שבת קומען אויך אריין בעלי הבתים וועלכע געניסען פארגעניגען פון זייער לערנען, און די אלטע זיינען צופרידען, זיי פיהלען זיך גאנץ באקוועהם.

אבער מיר מוזען זעהן אז זייער באקוועמליכקייט זאל ניט געשטערט ווערען.

האפענדיג דאס איהר וועט מיין לעטער לאזען דרוקען, דאנק איך אייך אין פאראויס,

דוד בראהן.

אריסטאקראטישער הויז ניט געווען! — האט זי ניט אויפגעהערט צו טענה'ען.

די מאדאם האט גענומען לודוויג'ן צו הילף. ער דארף דאך שוין יא עפעס וויסען. ער האט דאך אזוי פיעל יאהרען פארבראכט צווישען איידעללייט. צוליעב דעם האלט מען איהם דאך דא, אין הויז... אבער אויך מיט איהם איז די מאדאם ניט געווען איינגאנצען צופרידען. אבער געגען איהם האט זי זיך ניט געקענט שטעלען. לודוויג האט א זאג געטאן: "אזוי האט מען געטאן ביי מר. סטאטסבערי", און עס איז געווען גענוג. אז די מאדאם זאל פאלגען און שווייגען.

נאכמעהר זענען אויסגעריסען געווארען די דינסטען. צוליעב דעם גרויסען יום טוב, האט די קעכין געזאגט, אז זי מוז האבען צוויי ארויסהעלפער. צוויי טעג נאכאנאנד האט מען געקאכט און געבאקען און געבראטען, און איבער דער גאנצער שטוב זענען געשטאנען געשמאקע ריחות פון פרישען געבעקס און פון אפגעפרעגעלטע מאכלים. אזוי ווי דא וואלט געווען א גרויסער רעסטאראן, אדער מען וואלט זיך דא געגרייט אויף א גרויסער חתונה. די דינסטען האבען קיין צייט ניט געהאט צו צוזעצען זיך אויף א מינוט. און לודוויג איז ארומגעגאנגען מיט דער מינע פון א וואזשנעם קענער, האט פארזוכט פון אלע מאכלים, און האט ארויסגעגעבען זיין אורטייל. אז אלץ איז גוט, און אז עס וועט וואויל שמעקען צו די גומענס פון די אריסטאקראטישע געסט וואס די האלצמאנס האבען איינגעלאדען.

אויך אז סאניע'ן האט די מאדאם ניט פארגעסען. זי האט איהר געקויפט א ניי קליידעל. וואס איז געלעגען אזוי ווי אויסגעגאסען אויף איהר צארטער פיגור. מיט דעם קליינעם ווייסען הויבעל אויפ'ן קאפ, און מיט דעם ראזעווען קאליר אין איהרע באקען, האט סאניע געבליהט אזוי ווי א פרעש-צועפענטע בלום אין מיטען מאי.

קאפיטעל צוואנציג-זעקס.

נקמה

ענדליך איז געקומען דער לאנג-ערווארטעטער אוונט. די הויז איז געווען באגאסען מיט א העלען ליכט, וואס האט ארויסגעשטראלט פון די גרויסע עלעקטרישע לאמפען. די הויז איז געווען יום טוב'דיג. דער טיש אין עס-צימער איז געווען צוזויגען איבער דער גאנצער לענג און איז געווען געדעקט אויף דעם רייכסטען אופן, אזוי ווי צו א אר גרויסארטיגען באנקעט. לודוויג, דער באטלער, איז געווען אויסגעפוצט אין זיין שעהנסטען פראק, מיט מעשענע קנעפ א מיט ווייסע הענטשקעס אויף די הענט. זיינע האר זענען געווען גלאט געקעמט און זיין פנים איז געווען אויסגעצויגען און ערנסט. ער איז געשטאנען ביים אריינגאנג, גרייט אויפצונעהמען די געסט און אנאנסירען זייערע נעמען צו דער פאמיליע.

(ווייטערס קומט)

י. רוקח און סאנס עפענען קאנאדער אפטיילונג.

אין דער לעצטער אויסגאבע פון דער אפיציעלער קאנאדע גאזעט ווערט צווישען דעם צעטעל נייע פירמעס, וואס זיינען געגרינדעט געווארען אין קאנאדע אויך דערמאהנט י. רוקח און סאנס אף קאנאדע לימיטעד, געגרינדעט אין מאנטרעאל, מיט א קאפיטאל פון 42 טויזענט דאלאר.

דאס איז אן אן אפטיילונג פון דער באקאנטער כשר שפייז פירמע י. רוקח און זיהן אין ניו יארק.

ער טרייסט זי

זי: — די איינציגע זארג וואס איך האב איז ווען איך דערמאן זיך, אז איך וועל אמאל בלייבען אן אלמנה.

ער: — נישט געזארגט. לעבען מיינס. אזוי לאנג ווי איך וועל לעבען וועט אזא זאך נישט געשעהן.

---

5 דאלאר 5 דאלאר

פייפערהענגער און פיינטער

פאר 5 דאלאר א רום פייפערען מיר אוים אייערע רומס מיט די לייטעסט דעזיין. אויך מאכען מיר פעינטינג. קראפטעקס בלענדינג ביליג. רופט גלייך אף טעלעפאן טריניטי 7304 W. עסטימייטס פריי.

4560-3-10)

איילט צו מיט די פסח'דיגע "האיאס" פעקלאך קיין רוסלאנד

ארדערס פאר "טארגסין" סטארס אין רוסלאנד דאלארען אין פוילען

און אנדערע לענדער.

דער זיכערסטער, שנעלסטער און ביליגסטער וועג דורכ'ן קאנאדער פארטרעטער

אינזש. י. אקון

309 SPADINA AVE.
PHONE: MELROSE 7419
WAVERLY 6691

פארטרעטונג פאר'ן "פארווערטס" (סובסקריבשאן $1 מאנאטליך, פרעמיעס) און "צוקונפט". ביכער, צייטונגען און נאטען אגענטור.

מערקט: — נייער אפיס אפען ביז 8 אווענט.

אונטערזוכט אייערע אויגען, און קריגט די ריכטיגע גלעזער. דער איינציגער ספעציאליסט, וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערנמענט אלס האבען זיך פאראייניגט צו מאכען א אפטאמעטריסט און אפטישען

דר. הענרי העררים

279 קאלעדזש סט.
(לעבען ספעדיינע)
אפען ביז 9 אוהר אין אווענט.

Dr. Henry Harris

EYESIGHT SPECIALIST
Phone Trinity 6604
279 College St. near Spadina
Open until 9 p. m.

פאטראנייזט די איינציגע אידישע ווינדאו קלינינג קאמפאני

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז פעקטארי אפיס און סטאר קלינינג בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך, און יעהרליך. 422 בעי סטריט. טעלעפאן עדלייד 8087 נאך 7 אווענטען טריניטי 8520 M

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
427 BAY ST

היי און האבער

צו די ביליגסטע פרייזען אין שטאט. אויך גרויסער סטאק בוריקעס און מערען, זעהר ביליג. ריילייעבל פראדוס. 352 באטהורסט סטריט. ערעלייד 2941, און טריניטי 5774

9471-3-4)

אקאונטענט-בוקקיפער

12 יאהר עקספיריענסד, וועט פיהרען אייערע ביכער טייל-צייט, אדער אודיטען פאר מעסיגע פרייזען. אינקאם טעקס רעטורנס פיילד.

א. א. גאלדענבערג

75 האמוואוד דרייוו
הילקרעסט 7504 W.

פיינטינג, פייפער הענגינג

מיר דעקארייטען אייערע רומס פאר 5 דאלאר א רום. מיט אונזערע פייפער. טעלעפאנירט גלייך: — לאמבארד 6951.

פייפערהענגינג און פיינטינג

מיר דעקארייטען אייערע רומס פאר 5 דאלאר און העבער מיט אונזער פייפער ארבייט גאראנטירט. טעלעפאנירט גלייך לאידברוק 2350.

480-2-28)

חזן ב. וואלאדאווסקי

סיניגיש געשולטער סוירדושען

מוהל

— אויך —

מאדערנער מסדר קדושין

סערוויסעס אין ענגליש

עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט, ווייל דאס איז דער בענעפיט פון זייערע קינדער

קאנטרי לייט קענען מיך אויך רופען צו זייערע שמחות. איך וועל קיינעם ניט ענטזאגען צו קומען.

וואוינונג 62 בראנזוויק עווענ.
טעלעפאן קינגסדייל 8832.
ארימע אומזיסט.

קאנגא

מעדיצינען

לייד איהר פון עקזימא, הויט-קראנקהייט, דאן נוצט דעם וואונדערבארען זאלב, קאנגא-סעוו. לייד איהר פון רהומאטיזם, שטייפע גליעדער, רייבט זיך איין מיט קאנגא, לינימענט. צו באקומען ביי סינגער ברידער (דראגיסטען) 26 קווין א. טעלעפאן עלגין 7512. מיר דעליווערען און שיקען ביי מעיל, אלס פריי.

SINGER BROS.
DRUGGISTS
26 QUEEN ST. EAST
TEL. ELGIN 7512

ליידט איר פון א ברוך?

(ראפטשורד)

א גוטע טראס און גוט צוגעפיט, באקומט איהר נאר ביי די סינגער ברידער, זיי זיינען די איינציגע אידישע אגענטען פון די גרעסטע טראס קאמפ.

פארלאנגט

א העברייאישער לעהרער פון ארץ ישראל, רעדט אויך ענגליש **זוכט העברייאישע לעקציעס** צו מעסיגע פרייזען. דערפאלג גאראנטירט. גיט אויך לעקציעס אין פראנצויזיש. א. מאנעסטער, טריניטי 8199.

שערמאנס בעקערי, 38 באלדווין סטריט, פארלאנגט עקספיריענסד בעקערס פאר סטעדי ארבייט.

9645-2-22)

נוירס, עקספיריענסד, נעהמט אן אלערליי קראנקע אין זייער היים. מעסיגע פרייזען. טעלעפאן מעלראז 8355.

9654-2-23)

פארלאנגט איידזשענטס צו סאליסיטען ארדערס, גוטער קאמישאן, קען מאכען גוטע ווייידזשעס. 697 באטהורסט סטריט.

9660-2-23)

פארלאנגט ביי א פאטער און טעכטער, 2 פוירנישר רומס און באארד, מוז זיין פיינע אידישע פאמיליע, אין סענטראל לאקיישאן. "זשורנאל" באקס 142.

9513-2-22)

דייטשע פרוי זוכט אלערליי הויז ארבייט, וואשען, קלינינג און פרעסינג. ווייווערלי 6358.

4)

פערזענליכעס

שו"ב מומחה, מיט בעסטע קבלות, וואונדערבארער בעל תפלה, קורא ותוקע, אויך גוטער מאדערנער לעהרער, זוכט א שטעלע. פרעגען ביי חזן ב. וואלאדאווסקי, 62 בראנזוויק עוו.

***-2-23)

צו פארקויפען

די בעסטע געלעגנהייט פאר איינעם וואס וויל געהן אויף א פארם, 218 אקער מיט סטאק און אימפלאימענטס, קינגסטאן ראוד, צווישען קאבארג און גרעפטאן, קען זיין א גוטער זומער רעזארט מיט א לויפענדיג וואסער. עקספערטען האבען געזאגט אז עס איז איינע פון די בעסטע סטאק פארמס. עס קען ווערען געקויפט ביליג מיט א קליינעם איינצאהל. טעל. מעלראז 7330, אווענטען הילקרעסט 8444 אדער הילקרעסט 0494.

9522-2-23)

סאקריפייס. צו שליסען א ירושה. צו פארקויפען 2 סטארס און א מאווינג פיקטשור טעאטער, ביליג. 331 גרייס סט. טעלעפאן מעלראז 7559.

9673-2-22)

צו פאררענטען

צו פארענטען א קאמפליט מאנופעקטשורינג ספייס אין טאוער בילדינג אויף דעם 5-טען פלאר, אלעס אויסגעפיקסט אן מאשינען. גוט פאר אלערליי מאנופעקטשורינג. ביליג רענט. פאקס אדער קרעפער. ערעלייד 8253.

9652-2-22)

אלעקסאנדרא פארק אפארטמענטס. 185 גרענדזש עוו. צו פארענטען 1 אפארטמענט פון 4 רומס, הייסע וואסער באהייצונג א גאנץ יאהר. מעסיגע רענט. פרעגען ביים דזשעניטאר.

751-2-22)

צו פארענטען א הויז פון 9 רומס, סאליד בריק, מאדערנע קאנוויניענס. רענט זעהר מעסיג. טריניטי 8359.

9685-2-22)

צו פארענטען 2 רומס, הארדוואוד פלארס, ניי דעקארירט, טעלעפאן, עלעקטריק, גלייך אריינצומופען. 166 ראבערט סטריט.

9693)

פארלוירען — א ביכעלע מיט נויטיגע נעמען און אדרעסען, אויך סטעמפס און אנדערע ווערטפולע פאפירען, אין דעם געגענד פון סענטער עווענו אדער אין ריימאנ'ס שוויין. דער געפינער איז געבעטען לאזען וויסען חזן וואלאדאווסקי, קינגסדייל 8832.

הפצ'ס

שפייז פעקלאך קיין רוסלאנד

דעליווערט ווי פריהער אן דיוטי. 100% גאראנטירט

די באריכטען וועגען אפשטעלען דאס שיקען פעקלאך איז ניט ריכטיג. אויסוואל פון פרישע שפייז, אויך זייף. פעקלאך צוגעשטעלט אין 25 טעג. אן אונטערשריפט פאר יעדען פעקעל. מיר שיקען אויך דאלארס און טארגסין ארדערס קיין רוסלאנד. טעלעגראפיש בלויז 25 סענט.

הפצ'ס שיפס קאנטאר

DOMINION TICKET OFFICE

143 קווין סטריט וועסט
עדעלייד 5971

שיפסקארטען — געלט שיקען — סיטיזען פייפערס — מארטגיידזשעס אינשורענס.

נייעס ביי אונז אין שטאדט

גרויסארטיגע בר־מצוה ביי זוהן פון מר. און מרס. י. יושפראך

אויף א גרויסארטיגען אופן איז נעכטען געפראוועט געווארען די בר־מצוה פון בערעל יושפראך, דער אינגסטער זוהן פון מר. און מרס יהושע יושפראך, מארייא סטריט.

שבת זענען פיעלע פריינט פון ד'ער משפחה געקומען אין דער דזשאנקשאנער שוהל, וואו דער בר־מצוה איז עולה לתורה געווען, און ער האט געהאלטען א גלענצענדע רעדע אין העברייאיש. פון שוהל איז מען געגאנגען צו די עלטערען אהיים וואו אויפ'ן טיש איז שוין געווען אנגעגרייט פאסיגע פארבייסונג צו דער געלעגענהייט.

נעכטען איז אין הויז פון דער פאמיליע יושפראך ארראנזשירט געווארען א גרויסארטיגע פארטי צו וועלכער פיעלע פריינט, משפחה און געסט זענען געקומען. אלע האבען זיך אונטערהאלטען אויפ'ן בעסטען אופן אין א היימישער ווארימער סביבה.

נייע שטאדט דירעקטארי האט 372,344 נעמען

היינט ווערען פארטיג און הויבען אן פאנאדערגעטיילט ווערען די נייע שטאדטישע דירעקטארים פון טאראנטא, מאכען באקאנט די מייט דירעקטארים, לימיטעד, די ארויסגעבער.

אין דער נייער דירעקטארי געפינען זיך ארום און ארום 372,344 נעמען, 312,564 פון שטאדטישע איינוואוינער און די איבעריגע קארגע 60 טויזענט פון די פארשטעדט.

ווי דער פרעזידענט פון דער קאמפאניע דערקלערט, האבען זיי נאך קיין יאהר ניט געהאט צו מאכען אזוי פיעל ענדערונגען ווי דאס מאל.

לויט דער דירעקטארי באטרעפט די באפעלקערונג פון טאראנטא 716,798, מיט 5,283 מעהר ווי לויט דער דירעקטארי פאראיאהרען. אין גרויס טאראנטא, דאס הייסט צורעכענענדיג די פארשטעדטלאך וואס ליגען הארט ביי טאראנטא און זענען באזונדערע מוניציפאליטעטען, איז די באפעלקערונג 868,297, מיט קארגע 18 טויזענט מעהר ווי פאראיאהרען.

געפונען דרייווער, וואס האט פארוואונדעט צוויי און איז אנטלאפען

פאליציי איז געלונגען אויסצוגעפינען דעם דרייווער, וואס האט לעצטע וואך איבערגעפאהרען צוויי יונגעלייט אויף א טראטואר אויף בלור סטריט און איז אנטלאפען געווארען, לאזענדיג זיינע קרבנות ליגען אויף דער ערד, ביז זיי זענען שפעטער אויפגעהויבען געווארען פון א פארבייפאהרער.

נאך די באריכטען וועגן דעם פאל אין די צייטונגען, האבען פילע פערזאנען טעלעפאנירט אין פאליציי אנגעבענדיג סימנים פון דער קאר. איינער פון זיי האט געהאט באמערקט דעם לייסענס נומער.

צוויי דאלאר באצאהלט פאר איינגעפאקטע צוויי שטיינער

דער מיטעל, וואס יונגע לייט האבען אנגעווענדעט אויסצושווינדלען געלט דורך ברענגען א פעקעל סי.א.די. פאר'ן שכן נעקסט דאר, וועלכער איז יעצט נישטא אין הויז, איז שוין מיט עטליכע וואכען צוריק אויפגעדעקט געווארען. דאך זענען דא מענשען, וואס לאזען זיך אפנארען אויף אזא אופן.

אזוי האט מרס. לידסטער, 22 ראבינע עוועניו איינגעהאנדעלט צוויי שטיקער שטיין און באצאהלט פאר דעם 2 דאלאר.

א יונגערמאן האט אנגעקלונגען ביי איהר אין טיר און דערצעהלט, אז ער האט א פעקעל, וואס באטרעפט $1.50, פאר איהר שכן, און געפרעגט, צי זי וויל זיין אזוי גוט און באצאהלען איהם פאר'ן פעקעל, ווייל דער שכן איז יעצט נישטא אין הויז.

האט מרס. לידסטער איהם געגעבען 2 דאלאר, און דער יונגערמאן איז געגאנגען עס אויסבייטען און ברענגען איהר 50 סענט רעשט.

ער איז מעהר ניט צוריקגעקומען. אין פעקעל זענען געלעגען צוויי שטיקער שטיין.

באפרייט פון באצאהלען שטראף פאר פארקען, וואו ער האט געמעגט

יוסף קעסלער איז באשטראפט געווארען מיט 3 דאלאר פאר פארקען זיין קאר אויף יאנג סטריט צווישען 9.30 און 10.45 אין אווענט.

ער איז געקומען אין סיטי האל און זיך געווענדעט צו א קלערק פון פאליס קאורט, מיט א טענה, אז אויף יענעם פלאץ איז פארבאטען צו פארקען ביז 6.30 אין אווענט, אבער עס איז ניט פארבאטען צו פארקען שפעטער.

מיט א קאפיע פון די פארקינג ביילאוס האט ער זיך געלאזט צום ריכטער קאוטסווארט. דער לעצטער האט זיך דורכגערעדט מיט אינספעקטאר גאטרי און מר. קעסלער האט שטראף ניט געדארפט באצאהלען.

דער גרויסער מוזיקאלישער און וואקאלער קאנצערט פון 25־טען פעברואר אין מעסי האל פאר דעקלאסירטע אידען אין מזרח־אייראפא

די פארעפענטליכטע פראגראם פון קאנצערט האט ארויסגערופען אין טאראנטא א גרויסען אינטערעס.

די קלאסישע רוסישע מוזיק פון טשייקאווסקי, רימסקי־קארסיקאוו, גלינקא און באראדין, — און די מעהר־מאדערנע בארופענע רעביקאוו און אלאביעוו, — זייערע אלעמענס שאפונגען וועלען ווערען אויסגעפיהרט. די רוסישע קלאסישע, די מאדערנע מוזיק איז אייביג־פריש, שטראמט מיט אזא שטארקען געפיהל און מיר ווערען באנומען מיט'ן אויפגעשטורעמטען געוויסען פון רוסישען פאלק.

אבער אחוץ רוסישער מוזיק און געזאנג זענען אינ'ם פראגראם פון קאנצערט אריינגעוועבט נאך א רייע קלאסישע און מאדערנע נומערען פון וועלט־מוזיקער פון אנדערע פעלקער: שאפען און גליוק, קרייזלער און ערנסט בלאך, דעבוסי, סאנט סייענס און אמבראס טאמאס.

עס וועלען ווערען געזונגען נעגערישע געבעט "לידער און כל־נדרי, אויסגעפיהרט פונ'ם אידישען וואונדער־קינד — וויאלאנטעליסט — באבי שפעגל.

א גרויסער סימפאנישער ארקעסטער פון 65 אנטיילנעהמער, דיריזשירט פון בארימטען אלעקסאנדער טשוהאלדין. דער פיאנא־מאעסטרא נארמאן ווילקס, דער באליעבטער אין טאראנטא פידעלשפילער אדאלף קאלדאווסקי, די באוואוסטע ראדיא־זינגערין ריטא נוטטאל, דער אנסאמבלפולער קרעפטיגער מענערקווארטעט — דזשאדזש, סטא, בראון און א'מארא.

עס איז ווירקליך א קאנצערט מיט א וואונדערבאר־רייכען אינהאלט. דער ארויסגעוויזענער אינטערעס פון די אלע קינסטלער, ארויסצוטרעטען אהן יעטווידען האנאראר, וועקט ביים אידישען עולם באגייסטערונג.

דער בילעטען־פארקויף געהט אן לעבהאפט. עס איז געווען א פארמעסט צו נעהמען דעם מעסי־האל מיט איבער דריי טויזענט זיץ־פלעצער.

אבער איצט קען מען האפען, אז אחוץ דעם קינסטלערישען דערפאלג וועט אויך זיין א מאטעריעלער דערפאלג.

באזארגט אייך מיט בילעטען: אין אפיס פון דאראטי דווארקין, 525 וועסט דאנדעס.

היט אייער געזונט

פונקט ווי וויכטיג עס איז א גוטער דאקטאר, איז נאך וויכטיגער, אז די פרעסקריפשאן וועלכע דער דאקטאר גיט זאל ריכטיג געמאכט ווערען פון א קאמפעטענטען דראגיסט.

ראטבארט

דער [illegible] דראגיסט.

טעלעפאנירט אונז. מיר שיקען נאך אייער פרעסקריפשאן און דעליווערען, גיט אכטענדיג אין וועלכען טייל פון שטאדט איהר וואוינט.

מעסיגע פרייזען.
שנעל, ראיעל, פינקטליך.

ראטבארט'ס דראג סטאר
קארנער דאנדעס און אגוסטא עוועניו.
נייער טעלעפאן:
עדעלייד 6201

676 קווין סטריט וועסט
עדעלייד 2800



אידישע נייעס פון יענער זייט ים

א ליליפוטען־טרופע

פון כאטין שרייבט מען:

צו אונז איז אראפגעקומען פון טראנסילוואניע א טרופע ליליפוטלעך אונטער דער אנפיהרונג פון אבא מארקאוויטש. די גאנצע טרופע באשטעהט פון א פאמיליע פון 8 פערזאן: א מוטער מיט קינדער (5 פרויען און 3 מענער). גאנץ כאטין פון קליין ביז גרויס איז געקומען אנקוקען די וואונדערבארע מענשעלאך.

ווען זיי האבען געגעבען זייער ערשטען קאנצערט איז דער זאל געווען געפאקט. מיט אידישע און רומענישע לידער זענען ארויסגעטרעטען די ליליפוטלאך, און גלייכצייטיג האט איינע, די אינגסטע פרוי פון זיי, 8 יאהר אלט, געשפילט זעהר שעהן פידעל.

ס'איז כדאי צו באמערקען, אז די טרופע ליליפוטלאך שטאמען פון א רבנישער פאמיליע און זיי זענען זעהר רעליגיעז. דער ערשטער קאנצערט זייערער, וועלכער האט געזאלט פארקומען פרייטאג צו־נאכטס, איז צוליב דעם וואס זיי היטען אפ שבת, אפגעלעגט געווארען אויף שבת אין אווענט.

א גט אין א לאדזער טורמע

פון לאדז שרייבט מען:

אין דער לאדזער תפיסה איז אראפגעקומען א יונגע פרוי צוזאמען מיט דריי רבנים ווי אויך א סופר און צוויי עדות דורכצופיהרען א גט מיט איהר מאן יונה אייזענבערג, וועלכער זיצט דארט אין טורמע.

אייזענבערג האט ערשט ניט לאנג חתונה געהאט אין שטעדטעל זשיכלין, און עס איז קוים אריבער דער „האניג־חודש", ווי דער יונגערמאן איז אין א שעהנעם פריהמארגען פארלוירען געווארען, ווי א שטיין אין וואסער אריין. איז דאס ווייבעל אזוי לאנג ארומגעלאפען ביז זי האט זיך דערוואוסט, אז ער איז אין לאדז. זי איז באלד אהין אפגעפאהרען און איהם געפונען אין.. טורמע.

זענען איהרע עלטערען באלד אראפגעקומען קיין לאדז און נאך שווערע מיה און מאטערניש איז זיי געלונגען צו פועל'ן ביים ארעסטאנט, אז ער זאל זייער טאכטער געבען גט, און די טעג איז דער גט דורכגעפיהרט געווארען אין קאנצעלאריע פון תפיסה.

פאר דער קבורה ווערט א מאן אוועקגעטריבען פונם קבר פון זיין פרוי

פון לובלין שרייבט מען:

שרעקליך טראגישע מאמענטען בעת דער קבורה פון א אידישער פרוי האבען זיך אפגעשפילט אויפ'ן אידישען בית־עולם אין לובלין.

עס איז פארגעקומען צוליעב פאלגענדען:

אינ'ם לובלינער אידישען שפיטאל האט מען געבראכט צופיהרען די 27־יעהריגע יענטע אבראטנער פון טארגאוויע 5. איהר צושטאנד איז געווען זעהר א געפעהרליכער. די פרוי איז געווען אין א מעוברת'דיגען צושטאנד, און אין שפיטאל האט זי מפיל געווען. אלע מיטלען, וועלכע די דאקטוירים האבען אונטערגענומען, האבען ניט געהאלפען און די פרוי איז מאנטאג געשטארבען.

וועגען איהר טויט ווערען פארשפרייט פארשידענע ווערסיעס. די שונאים טענה'ן, אז דער מאן איז דא שולדיג, ווייל ער זאל האבען געשלאגען זיין מעוברת'ע פרוי און איהר האבען דערלאנגט א קאפ אין בויך. הגם קיינער האט דאס ניט געזעהן איז אבער דער גאנצער כעס דערוויל ארויסגעגאנגען צום מאן, ווען מען האט ניט צוגעלאזט צום ארון פון זיין פארשטארבינער פרוי. דער מאן איז געקומען צו דער לויה און ניט געלאזט זיך פארטרייבען שרייענדיג, אז מען מאכט אויף איהם א בלבול און אז ער איז אונשולדיג. צווישען די קרובים פון דער פארשטארבענער פרוי און די קרובים פון מאן איז דערביבער געקומען צו כסדר'דיגע אוואנטורעס און געשלעגען פון שפיטאל ביז'ן בית עולם.

מיט דעם דאזיגען ענין האט זיך אויך פארנומען דער פראקוראר, וועלכער איז געקומען אויפ'ן בית עולם און אנגעהויבען אן אויספארשונג, כדי פעסטצושטעלען די אמת'ע סיבות פונ'ם טויט פון דער פרוי.

אן אפיעל פון האיאס וועגען שיקען שפייז אויף פסח קיין רוסלאנד. מען קען אויך שיקען פון גאנץ קענעדע דורך טאראנטא

דער "האיאס" אין ניו יארק האט ארויסגעלאזען אן אפיעל צו די אמעריקאנער אידען אונטערגעשריבען פון פרעזידענט הערמאן ל. בערנשטיין, טשערמאן קאמיטע פאר אויסלענדישע ארבייט און אנד. אין אפיעל ווערט אנגעוויזען אויף דעם וואס שוין איצט איז די צייט ווען מען דארף באזארגען די קרובים אין רוסלאנד מיט שפייז אויף פסח.

דער אייראפייאישער קאמישיאנער פון האיאס מר. אהרן בענדזשאמין האט אויסגעווירקט ביי דער סאוויעט רעגיערונג אז דורך האיאס זאל מען קאנען שיקען מצה און פסח'דיגע שפייז פעקלאך צו דארטיגע אידען. די אלע פעקלאך, 20 פארשיעדענע קאמבינאציעס, פון $3.91 ביז 20 דאלאר ווערען דורך האיאס ארויסגעשיקט פון ריגע. דער נאהענטסטער פלאץ צו רוסלאנד. דער ריגער אפיס פון האיאס דערפילט אלע ארדערס שנעל פינקטליך און גיט אכטונג אז די שפייזען זאלען זיין פריש, כשר און פון דער העכסטער קוואליטעט. אין דער סאוויעט רעפובליק זיינען די פעקלאך אבער אונטערגעווארפען אונטער געוויסע פארמאליטעטען וואס נעהמען אפט צו איבעריגע צייט. עס איז דעריבער וויכטיג צו באשטעלען די איבערשיקונג פון פסח"דיגע פעקלאך דורך האיאס וואס פריהער, ספעציעל ווען די פעקלאך ענטהאלטען מעהל אויף מצה וואס מען דארף ערשט דארטען באקען.

אין טאראנטא קאן מען באשטעלען די פעקלאך ביים קענעדער פארטרעטער י. אקון, 309 ספעדיינע. טעלעפאן ווייווערלי 6991.

ענגלאנד און פאלעסטינע

(פארזעצונג פון פיידוש 4)

געחלומט וועגען שאפונג פון אן אינטערנאציאנאלע פאליציי־מאכט וועלכע זאל קאנטראלירען דעם שלום פון דער וועלט. האט געוואלט אז די הויפט קווארטיר פון דער פאליציי זאל זיין אין ירושלים. מיר קענען ערווארטען אז ירושלים וועט ווערען ניט נאר דער סימבאל פון שלום נאר אויך דער דער צענטער פון די אינטערנאציאנאלע ארגאניזאציעס וועלכע ארבייטען פאר דער פארווירקליכונג פון דער הומאנישער אידעע וועלכע איז אמאל געגעבען געווארען דער מענשהייט פון ארץ ישראל .אט אזוי שטעלט זיך פאר הער בענטוויטש אונזער צוקונפט.

וואס איז דער אונטערשיעד פון א פראפעסאר פון אינטערנאציאנאלען שלום אין דעם העברעאישען אוניווערזיטעט אין ירושלים און אזא פראפעסאר אין אן אנדער אוניווערזיטעט ? די פראגע ווילט זיך שטעלען דעם הער בענטוויטש" ווען מען לייענט דורך זיין נביאישען קאפיטעל.

מעהר ווי צוויי מעגליכקייטען וואס וועט ווערען פון ארץ ישראל אין דער צוקונפט קען הער בענטוויטש ניט זעהן, אדער א בריטישער דאמיניאן אדער אן אראבישע מלוכה.

אפשר מוזען מיר דאנקען הער בענטוויטש פארוואס ער האט פאראויסגעזעהן אז דאס אידישע נאציאנאלע היים וועט אנערקענט ווערען דורך דער אראבישער מלוכה ? וואס אבער וועט ווערען פון דער אידישער אנציאנאלער היים גופא ? די היפאטעזיע האלט הער בענטוויטש שיינבאר ניט פארזיכטיג גענוג צו באהאנדלען אין זיין ווערק.

וואס זיינען די באשלוסען צו וועלכע הער בענטוויטש איז געקומען, נאך פערצעהן יאהר טעטיגקייט אין ארץ ישראל, זיין אייגענע טעטיגקייט און די פון דער ענגלישער אדמיניסטראציע ? "אין זאך איז פאר דער צייט קלאהר געווארען, זאגט הער בענטוויטש, אז ענגלאנד מיט שטאאטליכע גדולה און ערציהונג וועט קענען אויפצובויען א בי ־ נאציאנאלע זעלבסט רעגירענדע מלוכה. כדי דאס צו דערגרייכען איז נויטיג צו שאפען א געזונטע עקאנאמישע סיסטעם. דאס איז דאס פראכטפולע בילד וועלכע ענגלאנד מוז שטענדיג האלטען פאר איהרע אויגען און ניט לאזען פארווישט ווערען דורך צייטווייליגע וואלקענס. ענגלאנד האט עס דערגרייכט אין צוויי פון איהרע דאמיניאנס. ענגלאנד דארף ניט דורכפאלען אין א לאנד וואו זי פיהרט אויס א הייליגע מיסיאן פון ציוויליזאציע" א בי ־ נאציאנאלער שטאט — דאס איז א אידעאל צו וועלכען ענגלאנד דארף שטרעבען.

די צוויי אויסצוגען דוכט זיך זיינען גענוג צו געבען אן אהנונג אויב ניט פון דעם גאנצען אינהאלט פון בוך, דאך ווענינסטענס פון הער בענטוויטש'ם אנשויאונגען. און מיט דער שטרעבונג פאר זיינע אויגען פאהרט ער קיין ארץ ישראל... צו ווערען א פראפעסאר אין העברעאישען אוניווערזיטעט.

פערצעהן יאהר האט הער בענטוויטש געארבייט פאר דער ארץ ישראל'דיגער אדמיניסטראציע — און האט אנגעשריבען א בוך, ווי דער ענגלישער שפריכווארט זאגט : "דער בארג האט געשוואנגערט און האט געבוירען א מויז"...

(איטא).

וויסענשאפט און טעכניק אין די לעצטע יארען

(פארזעצונג פון פיידוש 5)

וויסענשאפט און איינשטיין און זיינע תלמידים האבען אט דיזע אונזיכערקייט אריינגעבראכט אין דער וויסענשאפט. אין דער פאר־איינשטיינישער וויסענשאפט, וועלכע האט זיך אנגעפאנגען מיט דעם אויפטרעטען פון סער אייזאק ניוטאן און האט זיך געצויגען ביז איינשטיין האט אויפגעשטורעמט די וויסענשאפטליכע וועלט מיט זיינע געוואגטע טעאריען — אין דער פאר־איינשטיינישער וויסענשאפט האט געהערשט א געוויסע מאס זיכערקייט.

ווען א וויסענשאפטסמאן האט אין יענער צייט גערעדט וועגען מאטעריע, האט ער גערעדט ווי עס האט זיך איהם אויסגעדוכט, וועגען עפעס א זיכערער זאך. ווען ער האט גערעדט וועגען דעם געזעץ פון קאנסערוואציע פון מאטעריע, איז ער געווען זיכער אין דער אונצושטערבארקייט פון מאטעריע. היינט צו־טאג זענען מיר שוין גאר ניט אזוי זיכער וועגען דעם. היינט צו־טאג ווייסען מיר, אז מאטעריע איז שוין ניט אזא פעסטער און רעאלער שטאף ווי ער איז געווען אין דער ניוטאנישער עפאכע. מיר ווייסען, אז מאטעריע און ענערגיע זענען אייגענטליך ניט מעהר ווי צוויי באזונדערע פארמען פון איין און דער זעלבער זאך. מאטעריע פארוואנדעלט זיך אין ענערגיע און ענערגיע שטראלט זיך אויס.

מיר האבען געהאט א פעסטען באגריעף וועגען דעם וועלט באשאף. מאכט ניט אויס צי האט איינער געגלויבט אין דער מעכאניסטישער טעאריע, צי האט איינער געגלויבט אין דער וויטאליסטישער טעאריע, דער גלויבען איז אבער געווען א פעסטער, א מעהר אדער ווייניגער דעפעניטיווער. היינט צו־טאג איז דער גלויבען אפגעשוואכט געווארען. ניט די מעכאניסטישע און ניט די וויטאליסטישע טעאריען שטעלען מעהר צופרידען — ווייל זיי קאנען ניט אלעס דערקלעהרען אין אונזער לעבען.

ערשט ניט לאנג צוריק איז דער צווייטער געזעץ פון טערמאדינאמיק, וועלכער זאגט, אז אונזער זונען־סיסטעם, ניין, אונזער גאנצער אוניווערזום, געהט בארג אראפ. אז די גאנצע מאטעריע וואס געפינט זיך אין אונזער וועלטעל שטראלט זיך אויס אין ריינער ענערגיע און צושפרייט זיך אין ליידיגען רוים ; אז היץ קאן בלויז שטראמען פון א הייסערען קערפער צו א קעלטערען און בשום אופן ניט צוריק ; ערשט ניט לאנג צוריק איז דיזער געזעץ געווען אן אייזען־פעסטער. יעצט זענען שוין פאראן אזעלכע וואס צווייפלען אין דער אל־הערשענדער קראפט פון אט דעם געזעץ. נאך מעהר, פאראן אזעלכע וואס באקעמפען איהם, און ווילען איהם אפלייקענען.

מיר צווייפלען שוין, ניין, מיר זענען מעהר ניט זיכער. און די אונזיכערקייט האט אריינגעבראכט איינשטיין מיט זיין רעלאטיוויטעט טעאריע. פלאנק מיט זיין קוואנטום טעאריע און אייזענבערג מיט זיין אונזיכערקייטס השערה.

צייט איז שוין ניט אט יענער פעסטער און זיכערער קאנטיניום וואס ער איז געווען, רוים איז שוין מעהר ניט דער רוים פון ניוטאנ'ען און הערשעל. און אפילו ענערגיע האט אנגענומען אן אנדער פארמע ווי אין יענער צייט. א פארוויקעלטער, אונאויפקלעהרבארער קנויל פון צווייפעל און אונזיכערקייט איז געווארען אונזער לעבען אין אונזער וועלט. א וואלד אין וועלכען מיר בלאנדזשען און צו וועלכען עס זעהט זיך קיין ברעג ניט. און קיין וועג מיט וועלכען פון איהם ארויסצוגעהן געפינען מיר אויך ניט. דאס מיינט אבער ניט צו זאגען, אז אייביג וועט אנהאלטען אונזער בלאנדזשעניש, אז די אונקלאהרקייט וועט שוין מעהר ניט אפטרעטען און אז די סודות וועלען טאקע קיין מאל מעהר ניט אויפגעדעקט ווערען. פון אט דער אונקלארקייט וועט נאך קלארקייט געבוירען ווערען און בלאנדזשענדיג אזוי, וועלען מיר נאך א וועג צום אמת געפינען.

און אפשר איז אט דאס בלאנדזשעניש, אט די אונזיכערקייט אונזערע אויך א רעזולטאט פון אונזער צייט־גייסט, פון אוועקלויפען פאראויס פון זיך זעלבסט, פון דעם אומגעדולד וואס האט זיך באזעצט אין אונזער בלוט און טרייבט אונזער ריינע וויסענשאפט פונקט מיט דעם זעלבען אימפעט, מיט דער זעלבער שנעלקייט ווי עס טרייבט אונזער טאג־טעגליך לעבען אין אונזער טעכניק? ווער ווייסט?

31 פערזאן ארעסטירט אין איין הויז פאר וועטען אויף פערדלאך

דער 21 יאהריגער דזשאן סאמאנסקי איז ארעסטירט געווארען פאר האלטען אן עפענטליך וועט־הויז. ביי איהם אין הויז. ביי איהם אין הויז אויף 47 סטיוארט סטריט, זענען אין דער זעלבער צייט ארעסטירט געווארען 30 פערזאן פאר באזוכען דעם פלאץ.

נאטור און וויסענשאפטליכע קוריאזיטעטען

אן עלעפאנט שלוקערצט

אויב א נאכאנאנדיגער שלוקערצען פון א מענשען באאומרוהיגט און ווערט באטראכט פאר א קראנקהייט, האט אבער ניט ווייניגער באאומרוהיגונג ארויסגערופען אין פארטלאנד (ארעגאן) דאס שלוקערצען פון דעם גרעסטען עלעפאנט אין דער וועלט. וועמענ'ס נאמען עס איז „טאסקא" און וועלכער באלאנגט צו א צירק. דער דאזיגער ריזיגער שלוקערצער ווארפט ממש אן א מורא מיט זיין נאכאנאנדיגען שלוקערצען.

אנגעהויבען האט זיך עס נאכדעם ווי דער עלעפאנט האט אויסגעזופט 10 גאלאן וויסקי אין דריי זופען, און באלד נאכדעם האט ער זיך פאנאנדערגעשלוקערצט כמעט אין איין אטעם, אהן אן אויפהער.

ס'האבען זיך געפונען מענשען וואס האבען צוגעשיקט פארשידענע רפואות און געגעבען פארשידענע עצות ווי אזוי צו מאכען דעם עלעפאנט אויפהערען שלוקערצען. איינער הייסט געבען דעם עלעפאנט א צעהן גאלאן מילך אויסטרינקען; אן אנדערער זאגט — זויער מילך; א דריטער — עסיג, און עהנליכעס.

א פרוי אינגעקומען צולויפען העגדום פענגדום מיט אן עמער פארקאכטע קראכמאל און געזאגט אז דאס וועט זיכער העלפען. איהר באבע — האט זי דערצעהלט — האט אמאל אויך געשלוקערצט און דורך קראכמאל איז זי געהאלפען געווארען.

ער האט געפייפט פינף וואכען

ראבערט יאנג, א פינף־יעהריג אינגעלע אין שיקאגא, האט געהאלטען און אין פייפען פינף וואכען כסדר. טאג און נאכט; וואכענדיג און שלאפענדיג האט דאס אינגעלע געמאלטען אין איין פייפען אהן אן אויפהער.

דאס קינד האט דאס ניט געטאן אבזיכטליך. ער האט עס זעהר ניט געוואלט, אבער ער האט גארניט געקענט העלפען. עס האט זיך געפייפט געגען זיין ווילען. דאס איז געווען מיט פינף וואכען צוריק, ווען דער קליינער ראבערט יאנג האט אראפגעשלונגען א קליינע בלעכענע פייפעלע. דאס פייפעלע איז פארבליבען שטעקען אין זיינע לונגען און ווען דער אינגעלע האט געאטעמט האט דאס פייפעלע געפייפט. און א מענש מוז דאך אלע ווייעלע אטעמען, האט עס כמעט ניט אויפגעהערט צו פייפען אדער ארויספייפען פון קינד'ס לונגען.

דאס אינגעלע איז די גאנצע צייט געווען אין א שפיטאל, און אזוי ווי קיין אנדער מיטעל ווי אזוי ארויסצונעהמען דאס פייפעלע האט מען ניט געפונען, האט א דאקטאר באשלאסען צו מאכען אן אפעראציע.

די אפעראציע איז געמאכט געווארען. מען האט דאס שטיקעל בלעך ארויסגענומען פון דעם אינגעל'ס לונגען און דאס פייפען האט אויפגעהערט.

דער דאקטאר זאגט, אז די אפעראציע בכלל איז זעהר געראטען און דער קליינער „פייפערל" וועט געזונט ווערען.

New Greater Hudson Eight Town Sedan Shows Beauty, Quality

דער נייער און גרעסערער „האדסאן אכט" באווייזט שיינקייט און קוואליטעט

New Greater Hudson Eight Style Leader—The Brougham

דער נייער „האדסאן אכט" סטייל לידער, „די בראוהעם"

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
THE HEBREW JOURNAL
Published by
JOURNAL PUBLICATIONS OF TORONTO, LIMITED
542 DUNDAS ST. WEST Telephones: ADelaide 7424-7425
NATHAN FRIEDLAND, President.
Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario.
Subscription Rates: $6 PER YEAR $3.50 SIX MONTHS
Single Copy—3 cents.
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O., Toronto, January 22nd, 1913.
ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL TORONTO, ONT. 25

אויפ׳ן „זייף קעסטעל"

מיט דעם טערמין "סאפ באקס" (א זייף קעסטעל) ווערט באצייכענט א פריידיגער, א רעדנער, א פארשפרייטער פון געוויסע אידייעס, א מענש, וועלכער פראפאגאנדירט אין די גאסען. דאס הייסט, א מענש, וועלכער טראגט זיך ארום מיט א קליין קעסטעל, שטעלט זיך אפ אויף א פראמינענטען פלאץ אין גאס, שטעלט זיך ארויף אויפ׳ן קעסטעל און רעדט צו די פארבייגעהער אין גאס, אדער די, וועלכע ער ציהט צו מיט זיין רעדען, זיי זאלען אים הערען.

אין פרייע לענדער שפילט די "זייף קעסטעל" א גרויסע ראלע. סאציאליזם איז שטארק פארשפרייט געווארען צווישען די מאסען אויף אזא אופן. און טראץ דעם, וואס מען באנוצט זיך ניט אקטועל מיט א זייף קעסטעל, ווערען אבער מיט דעם באצייכענט אלע פראפאגאנדירער און גאסען־רעדנער, איבערהויפט די, וועלכע פראפאגאנדירען א נייעם געדאנק.

א צאל סטודענטען פון טאראנטאר אוניווערזיטעט האבען אנגעהויבען ארויסצוגעבען א זשורנאל, דערווייל אין א זעהר קליינעם פארמאט אונטער׳ן נאמען "טהי סאפ באקס".

מען האט זיך געקענט גלייך אנשטויסען, אז קיום האנדעלט זיך עס וועגען א "זייף קעסטעל", וועט עס ענטהאלטען נייע אידייעס, און מען מוז צוגעבען, אז אויב דאס, וואס עס ווערט אין דעם דאזיגען קליינעם זשורנאל פראפאגאנדירט, זענען הויפטזעכליך אלטע אמת׳ן, איז עס אבער פאר דער יוגענט אין אוניווערזיטעט ניי.

אזוי, למשל, האט זיך דער נייער זשורנאל פארמאסטען מיט פראפאגאנדע איבערצובויען אונזער יעצטיגען לעבען סאציאל און עקאנאמיש. עס ווייזט אן אויף דעם שרעקליכען ווידערשפרוך אין אונזער יעצטיגער קאפיטאליסטישער סיסטעם און איר פאלשטענדיגע צופוילטקייט. ניט ווייניגער בייסענד איז די קריטיק אויף אונזער סאציאלער ארדנונג, אפשטעלענדיג זיך הויפטזעכליך אויף דעם, מיט וועלכע מעטאדען די קאמוניסטען אין קאנאדע ווערען פארפאלגט.

אונזער אינטעלעקטועלע יוגענט איז שוין לאנג אריבער צום ראדיקאלען געדאנק און ראדיקאלע אידייען. די יוגענט, וועלכע האט זיך אנגעהויבען צו אינטערעסירען מיט סאציאלע און עקאנאמישע פראגען וועט סוף כל סוף ענדערען אונזער יעצטיגע, ניט גערעכטע סיסטעם פון לעבען, ווייל די היינטיגע יוגענט איז די מארגענדיגע פירערין פון לעבען.

אמאל פלעגט מען זאגען, אז די יוגענט, וועלכע פילט איבער די מיטעל־שולען און אוניווערזיטעטען, פארנעמט זיך בלויז מיט לייכטזיניגען ספארט. ביז א געוויסען גראד איז עס נאך יעצט אויך אמת. אבער די זעלבע יוגענט, וועלכע איז אזוי פארקאכט אין ספארט, לערנט זיך גלייכצייטיג צו קוקען אויף אונזער לעבען מיט אפענע אויגען.

דאס "זייף קעסטעל" ווערט אלע מאל אוועקגעשטעלט פון יחידים. עס זענען יחידים, וועלכע הויבען אלע מאל אן די פראפאגאנדע פון א נייעם געדאנק. אבער דאס "זייף קעסטעל" העלפט עס פארשפרייטען, און דערפאר איז באגריסונגסווערט די דערשיינונג פון דעם דאזיגען נייעם ארגאן, ארויסגעגעבען פון א גרופע סטודענטען אין טאראנטאר אוניווערזיטעט.

דע וואלערא׳ס זיעג אין אירלאנד

די רעפובליקאנער אין אירלאנד, וועלכע זענען געשוואוירענע געגנער פון דער ענגלישער אימפעריע, האבען ווי עס ווייזט אויס, געהאט א זיעג אין די לעצטע וואלען צום אירלענדער פארלאמענט.

צוזאמען מיט די דעפוטאטען פון דער לייבאר פארטיי, האבען די וואלערא׳ס אנהייגנער א מערהייט איבער אלע פארטייען, און ווי עס זעהט אויס, וועט די רעפובליקאנער פארטיי פארמירען די רעגירונג.

די פארטיי פון עמאן דע וואלערא האט אלע מאל אגיטירט פאר דעם, אז אירלאנד זאל ווערען א רעפובליק, זאל אפשאפען די טרייהייט שבועה צום קעניג פון ענגלאנד און צו דער ענגלישער אימפעריע. דאס איז א רעוואלוציאנערע פארטיי פון לאנד.

א סך מיטגלידער פון דער "פיאנא פעיל" פארטיי, ווי זי ווערט אנגערופען אין אירלאנד, זענען פארשפארט געווארען אין געפענגעניש פאר זייערע אידייען. דע וואלערא אליין האט געשמאכט לאנגע יארען אין געפענגעניש. מיט עטליכע יאר צוריק האט די וועלט געשטורמט מיט די רעוואלוציאנערען אין אירלאנד, וועלכע האבען אנגעפירט א העפטיגען קאמף געגען דער ענגלישער הערשאפט. דאס איז אבער געווען איידער אירלאנד איז פראקלאמירט געווארען אלס פרייער שטאט. זייט דאן האט זיך אירלאנד געפירט ווי עס פירט זיך קאנאדע, אדער אויסטראליע אין דער ענגלישער אימפעריע.

מיט דע וואלערא׳ס זיעג אין די לעצטע וואלען, זעהט עס אויס, אז פאר אירלאנד הויבט זיך ווייטער אן א זעהר אונרוהיגע צייט.

מעג מען זיין ווי סימפאטיש צו די רעפובליקאנער אין אירלאנד, איז דאך אבער אזא זאך ניט מעגליך אין דער ענגלישער אימפעריע. אויב מען זאל דערלויבען אירלאנד זיך צו דערקלערען אלס רעפובליק, מיינט עס דאך צוברעכען דעם פונדאמענט פון דער ענגלישער אימפעריע.

וועגן קאנאדע אדער אויסטראליע, און אפילו אינדיע זאל עס טאן, וואלט דער ברוך אין דער אימפעריע ניט געווען אזא שטארקער, ווי ווען אירלאנד טוט עס.

די ענגלישע רעגירונג קען אונטער קיינע אומשטענדען, לויט איר יעצטיגען צוזאמענשטעל, ניט דערלויבען, אז אירלאנד זאל זיך דערקלערען אלס אונאפהייגיגע רעפובליק.

די דעמאקראטישע ענגלאנד וועט מעגליך לאזען דע וואלערא׳ן מיט זיינע אנהענגער זיך שפילען מיט רעפובליקאנער רעדעס אין אירלענדער פארלאמענט. זי וועט אבער קיינמאל ניט דערלויבען קיין ממשות׳דיגעס אין דער ריכטונג.

אירלאנד אליין איז צוריסען אויף צוויי. צפון איז געגען דרום. קיין אייניגקייט איז ניטא. עס איז דאריבער ניטא זיך וואס צו שרעקען. ביז א דירעקטען ברוך צווישען אירלאנד און דער אימפעריע איז נאך גאנץ ווייט. אבער דערפאר איז ניט אויסגעשלאסען אן אומרוהיגע צייט פאר דער קליינער אירלאנד, פון וועלכער זי וועט געוויס קיין גרויס נחת ניט האבען.

אליווער באלדווין

(טעגליכע שמועסען)

פון יצחקי

אמאל, גאר אמאל, מיט הונדערטער יאהרען צוריק, איידער ענגלאנד איז נאך געווען דאס וואס זי איז היינט — די רייכע, מעכטיגע אימפעריע האבען גרויסע קליידער מאנופעקטשורערס אין לאנדאן און ווהייטשעפעל, ארויסגעשיקט אגענטען איבער די ווייטע אונציוויליזירטע טיילען פון דער וועלט, וואו מענשען זיינען נאך ארומגעלאפען נאקעט, אז זיי זאלען פארקויפען דארט זייערע סחורות.

זיינען די אגענטען געקומען קיין קאנאדע, אויסטראליע, סאוט אפריקע, ניי־זעעלאנד, אינדיע, אירלאנד און אנדערע מקומות און האבען אנגעהויבען אפזעצען דארט מאסען מיט סחורות. אזוי לאנג איז דער דאזיגער מסחר אנגעגאנגען ביז די "ווילדע" האבען זיך איבערצייגט אז זיי ווערען באשווינדעלט און זיי האבען א פאר אגענטען אריבערגעפעקעלט אויף יענער וועלט.

ווען די דאזיגע נייעס האט דערגרייכט ענגלאנד האט מען תיכף ארויסגעשיקט א מחנה מיסיאנערען צו לערנען די "ווילדע" מענשען די קריסטליכע תורה און ווען א פאר פון די מיסיאנערען זענען אויך אפגערייניגט געווארען פון וועג, האט ענגלאנד דאן אריינגעשיקט אן ארמיי און א נייווי־פלאט און האט איינגענומען דאס לאנד.

אט אזוי איז ענטשטאנען די גרויסע, מעכטיגע ענגלישע אימפעריע.

* * *

ניין, איך בין ניט אויסען דא צו לערנען מיט אייך א קאפיטעל פון דער ענגלישער געשיכטע, נאר צו איבערגעבען אייך א טייל פון דער לעקציע וואס אליווער באלדווין, דער זוהן פון דעם געוועזענעם בריטישען פרעמיער האט געהאלטען ביים סוף פון לעצטער וואך אין מעסי האל.

א יונגער, קרעפטיגער יונגערמאן פול מיט לעבען און הומאר האט ער געהאלטען געשפאנט דעם קליינעם עולם צוהערער מיט זיין לעקציע וועגען "עוואלוציע און סאציאליזם".

ראביי אייזענדראט וועלכער האט פארגעשטעלט דעם רעדנער האט באדויערט וואס מר. באלדווין איז ניט פארהאלטען געווארען ביי דער גרעניץ, אזוי ווי דער באפלאר גלח האהן. צוליעב דער פובליסיטי וואס רעוו האהן האט אריינגעקראגען איז געקומען אן עולם פון איבער 3000 צו הערען זיין לעקציע, בעת צו באלדווינס לעקציע זענען געקומען בלויז עטליכע הונדערט פערזאן.

יענע וואס זענען אבער יא געקומען איהם הערען וועלען עס געוויס ניט באדויערען ווייל עס איז געווען א העכסט אינטערעסאנטע, כאטש ניט קיין באלעהרענדע לעקציע.

מר. באלדווין האט דערצעהלט אמת׳ען וועלכע יעדער אינטעלעקטועלער מענש ווייסט. פונדעסטוועגען איז געווען א פארגעניגען צו הערען ווי אזוי ער האט געשילדערט דער קאפיטאליסטישער וועלט איהרע ברוטאלע אמת׳ען.

* * *

די אנטשטעהונג פון דער בריטישער אימפעריע קען דיענען אלס א גוטער מוסטער פאר דער אנטשטעהונג פון אלע שטארקע, מעכטיגע לענדער.

וואס קומט דען איצט פאר אין כינע, אויב ניט דאס זעלבע שפיעל, נאר אביסעל אויף אן אנדער אופן? און וואס איז דען פארגעקומען אין 1914, ווען איבער דער דערמארדונג פון א באלקאנישען פרינצעל האט זיך אנגעהויבען א מלחמה וועלכע האט צעהנדליגער מיליאנען יונגע לעבענס אוועקגעריסען פאר דער צייט?

"קיינעם קימערט גארניט ווען א מיינער אין קענטאקי ווערט דערשאסען דערפאר ווייל ער וויל ניט ארבייטען", האט מר. באלדווין געזאגט. "קיין וועלט־מלחמה וועט דערפון זיכער ניט ארויסקומען".

מר. באלדווין גלויבט אין עוואלוציע. ער זאגט א געשיכטע שטעהט ניט אויף קיין פלאץ. די איצטיגע ציוויליזאציע וועט זיך מוזען ענדערען און אן אנדער ציוויליזאציע — ניט קיין קאפיטאליסטישע — וועט אנטשטעהן. א טפש איז דער וואס קען ניט און וויל ניט זעהן דעם דאזיגען נאטירליכען גאנג פון דער געשיכטע, האט ער דערקלערט.

* * *

עס פארשטעהט זיך אז אין געוויסע פרטים קאן מען זיין ניט איינפארשטאנען מיט דעם יונגען סאציאליסט אליווער באלדווין אבער זיין מיינונג וועגען דער אנטשטעהונג פון אן אנדער ציוויליזאציע — אהן אונטערשיעד צו זי וועט קומען דורך עוואלוציע אדער רעוואלוציע — דאס איז א זאך וואס א מענש מיט א קלאהרען פראקטישען בליק אויפ׳ן לעבען און אויף די אלגעמיינע איצטיגע אומשטענדען, מוז פאראויסזעהן.

סוף כל סוף וועט דער מענש דאך ניט קענען זיין אייביג צופרידען מיט זיין איצטיגען מצב. און וואס מעהר אונטערדריקונג מצד דער שטארקערער מאכט, אלץ שנעלער וועט דער רעוואלט מוזען קומען. קיין זאך אין דער וועלט מאכט ניט רעוואלט צו וואקסען שנעלער ווי פארפאלגונג, האט מר. באלדווין געזאגט.

און אויף וויפיעל ער איז געווען גערעכט, קענען מיר זעהן פון דער צארישער רוסלאנד. וואס שטארקער די נאגייקע און וואס גרויזאמער דער קנוט אלץ שנעלער זיינען געקומען יענער אויסדרוק פון אומצופרידענהייט וועלכער פיהרט צו רעוואלוציעס. מר. באלדווין איז, אין דעם זיכער געווען גערעכט.

ענגלאנד און פאלעסטינע

פון א. פוניאנסקי (לאנדאן)

ווי ה׳ בענטוויטש שטעלט זיך פאר די צוקונפט פון ארץ ישראל. א בריטישער דאמיניאן אדער א מלוכה אין דער אראבישער פעלקער פעדעראציע. הער בענטוויטש האט א גוט ווארט פאר אלעמען חוץ דאס אידישע נאציאנאלע היים. דער בארג האט געבוירען א מויז.

"ענגלאנד אין פאלעסטינא" איז דער טיטעל פון א נייעם בוך וועלכען הער בענטוויטש האט די טעג פארעפענטליכט אין לאנדאן. נאך 9 יאהר ארבייט אלס אטוירני גענעראל (הויפט פראקוראר) פון דער ארץ ישראל רעגיערונג איז בענטוויטש ענטלאסען געווארען פון זיין אמט, ווייל ער איז א איד, אזוי איז אפיציעל ערקלעהרט געווארען אין ענגלישען פארלאמענט. ערשט נאכדעם ווי הער בענטוויטש האט געארבייט פאר דער ענגלישער רעגיערונג אין ארץ ישראל אין המשך פון 14 יאהר. די ערשטע 5 יאהר פאר דער מיליטערישער אדמיניסטראציע, איז ער מיט איינמאל צוליעב דער אידישקייט פסול געווארען. הער בענטוויטש האט זיך דאן שטיל און רוהיג צוריקגעצויגען. ער האט זיך אפגעזאגט אנצונעהמען וועלכען עס איז אנדערען פאסטען וועלכען די ענגלישע רעגיערונג האט איהם פארגעשלאגען אפילו העכערע פאסטענס אין די קאלאניעס. נאך זיין ערפאהרונג אין ארץ ישראל האט ער שיינבאר ניט לענגער געוואלט בלייבען אן ענגלישער בעאמטער, אנשטאט האט ער זיך אוועקגעזעצט און האט אנגעשריבען א בוך.

מיט גרויס שפאנונג האט מען ערווארטעט דאס ווערק ווייל הער בענטוויטש וואלט אונז איצט באמת געקענט א סך דערצעהלען. צום ביישפיעל, וואס זענען געווען די אינערליכע סיבות פאר זיין ענטלאסונג. די קאנפליקטען און אפילו די פארפאלגונגען וואס ער האט געהאט אויסצושטעהן פון זיינע אייגענע קאלעגען אין דער אדמיניסטראציע פון דעם מופטי און זיין חברותא און אפילו פון די ווייבער פון די בעאמטע. עס איז דאך "א סוד איבער גאנץ בראד" וועלכע ערנידערונגען און אפילו פארפאלגונגען בענטוויטש האט געהאט אויסצושטעהן. וואס איז זיין מיינונג איבער די אנטי "ציוניסטישע פאליטיק וועלכע די ארץ ישראל אדמיניסטראציע האט געפיהרט.

כל זמן בענטוויטש איז געווען א בעאמטער, איז ער געווען געבונדען דורך דיסציפלין און האט געמוזט שווייגען. איצט אבער, האט מען געקאנט ערווארטען פון הער בענטוויטש ער זאל ענטדעקען דעם פרק פון דער געשיכטע וועלכע אינטערעסירט אונז אממייסטען און אפען זיך אפריידען פון הארצען. אמת טאקי, דער בוך וועלכען הער בענטוויטש האט געשריבען איז ניט קיין פערזענליכע מעמוארען אבער זיינע אייגענע ערפאהרונג וואלט געווארפען ליכט אויף "ענגלאנד אין פאלעסטינע", גראד די טהעמע וועלכע ער האט זיך אויסגעוועהלט צו בעהאנדלען.

הער בענטוויטש איז אבער א בעשיידענער מענש און מיר וועלען דעריבער צושרייבען צו זיין "ענויות" וואס ער האט געהאלטען אפשר פאר ניט וויכטיג אדער ניט אינטערעסאנט גענוג זיך אריינצולאזען אין אזעלכע עפיזאדען וועלכע באטרעפען זיין אייגענע פערזאן. מיט רעכט אדער מיט אומרעכט איז הער בענטוויטש די גאנצע צייט וואס ער איז געווען אין ארץ ישראל באטראכטעט געווארען קודם כל אלס ענגלישער פונקציאנער, און פאר שויבען אין הינטערגרונד זיינע אידישע און ציוניסטישע סימפאטיעס אבער אויך איצט ווען ער איז שוין אויס ענגלישער בעאמטער און איז אפיציעל צוגעשטאנען צו דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, אנגענומען א פראפעסאר שטעלע אין דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים, לייענען מיר זיין בוך און זעהען פאר אונזערע אויגען אלץ נאך דעם ענגלישען בעאמטען און דער איד אין איהם שווייגט. פון צייט צו צייט הערט זיך יא א אידישער טאן, ניט אבער פון נאציאנאלען שטאלצען אידען נאר פון אלט גלות טיפ זינגענדיג מה יפית...

ער האט א גוט ווארט פאר יעדען ענגלישען בעאמטען אין ארץ ישראל אפילו פאר ליוק און ריטשמאנד, פאר קיט ראטש און טשאנסעלאר. אלע זיינען געווען גוט און פרום אלע האבען געוואלט מאכען פון ארץ ישראל אן ארץ זבת חלב ודבש, נאר ווי דער אראבישער שפריכווארט זאגט: "א קליינער טייוועל האט א ציה געטאן דעם שטריקעל און דאס גאנצע וואלט האט זיך איבערגעקעהרט".

ווער איז אבער געווען דער קליינער טייוועל וועלכער האט א ציה געטאן דעם שטריקעל.

פארוואס זיינען די געפאנצערטע אויטאמאבילען וועלכע זיינען אין טרויעריגען מאנאט אויגוסט 1929 ארויסגערופען געווארען פון עבר הירדן, שטעהן געבליבען אין רמלה און ניט געבראכט געווארען גלייך קיין ירושלים. אויף דעם ווייסט אויך דאס בוך קיין ענטפער ניט. ער איז אבער מסכים אז ווען די אויטאמאבילען וואלטען געווען אין ירושלים אנשטאט אין רמלה וואלטען א סך קרבנות געווען פארמידען. די פעהלערען וועלכע זיינען באגאנגען געווארען שטעלען אבער מיט זיך ניט פאר קיין שום נייע ענטדעקונגען און אויף דעם פארוואס און ווי אזוי זיינען זיי באגאנגען געווארען און ווער זיינען געווען די שולדיגע געפינען מיר אין בוך קיין ענטפער, ווייל עס פעהלט אין גאנצען בוך איבערהויפט א שטעלונג צו די וויכטיגסטע פראגען. דער גאנצער טאן פון בוך איז א באריכט פון א בעאמטען לויט׳ן נוסח פון די באריכטען פון א הויך קאמיסאר אדער פון דער אדמיניסטראציע באשטימט פאר׳ן פעלקער בונד. אלטע פאקטען פון פריהערדיגע באריכטען און ציטונגען ווידער אמאל איבערגעחזרט. איבערגעקויט אבער ניט פארדייט.

ווען הער בענטוויטש וואלט זיך ווייניגסטענס קאנצענטרירט צו באשרייבען, צו געבען אינטימע בילדער פון די מענשען אין וועמענס הענט, דער גורל פון ארץ ישראל איז געלעגען פאר די לעצטע צעהן יאהר. דאס איז אבער שוין א פראגע פון טאלאנט און יכולת פון שרייבער. אזעלכע ווארפען זיך אדורך צופעליג, אבזיכטסלאז, דא און דארט.

צום ביישפיעל, באשרייבט ער ווי לארד פלומער, פון דעם ערשטען טאג ביז׳ן לעצטען טאג וואס ער איז געווען אין ארץ ישראל, איז שטענדיג געווען אנגעטאן אין זיין פראכטפולער מיליטער אוניפארם, אין דעם אליין אין אוניפארם, זעהט שיינבאר הער בענטוויטש דעם גרויסען כח און פרעסטיזש וועלכער איז נויטיג צו רעגיערען פאלעסטינא. ניט סאמועל און טשאנסעלאר האבען געטראגען מיליטער מונדירען. צו איז אין דעם געלעגען די קראפט און ענטשלאסענהייט מיט וועלכער לארד פלומער האט געווירקט אויף יעדען און איינגעפלעסט כבוד?

באלד ווי די פאגראמען פון 1929 זיינען אויסגעבראכען, זיינען אלע ענגלישע בירגער אין ארץ ישראל באוואפנט געווארען מיט וואפען. 3 טעג שפעטער האט מען אבער געמאכט אן אויסנאהם פאר די אידישע און ענגלישע בירגער. און צוריקגעצויגען פון זיי די וואפען. דאס, שרייבט הער בענטוויטש, אין נביאישען סטיל, איז געווען דער אנפאנג פון דיסקרימינירונג אין ארץ ישראל צווישען די אידישע און ניט אידישע ענגלענדער. דאס האט ווארשיינליך געפיהרט צו דער ענטלאסונג פון הער בענטוויטש. דאס איז דער גייסט אין וועלכען ארץ ישראל ווערט רעגיערט זייט יענער צייט. אבער קיין איינציג ווארט איז מעהר וועגען דעם אינגאנצען בוך ניט דערמאהנט.

אפשר אבער דארפען מיר איבערהויפט דאנקבאר זיין צום שרייבער אפילו פאר דער ביסעל סימפאטיע וועלכע ער ווייזט ארויס פאר ציוניסטישע ארבייט אין ארץ ישראל, פאר זיינע האפנונגען, וועלכע ער דריקט אויס בנוגע דער צוקונפט אין ארץ ישראל.

זעהר געשיקט באשרייבט ער די צוקונפט מיט׳ן אראבישען שפריכווארט: "דער הונט בילט און דער קאראוואן געהט אבער ווייטער". דער פראפעסאר פון דעם העברעאישען אוניווערזיטעט און דער אידישער געלערנטער הער בענטוויטש דערמאהנט נאך אנדערע אראבישע שפריכווערטער אבער ניט קיין איין העברעאיש שפריכווארט אין גאנצען בוך. דאס איז ווארהשיינליך געמאכט געווארען בכוונה כדי ארויסצוווייזען אונפארטייאישקייט.

וואס וועט געשעהען נאכדעם ווי דער ענגלישער מאנדאט־וועט זיך פארענדיגען איז שווער פאראויסצוזאגען, ערקלעהרט הער בענטוויטש אין סוף פון זיין בוך. "עס זיינען פאראן אזעלכע וועלכע ווילען פארוואנדלען ארץ ישראל אין א זיבעטען דאמיניאן פון בריטישען קאמאנוועלטה. דאס וואלט געווען מעגליך ווען די צוויי נאציאנען פון ארץ ישראל וואלטען געהאט די זעלבע אנשויאונג. אנדערע דענקען אז ארץ ישראל מוז ווערען אן אונאפהענגיגע מלוכה א פארבינדעטע פון ענגלאנד אבער צו דער זעלבער צייט אויך א מיטגליד פון דער אראבישער פעלקער פעדעראציע אין וועלכער דאס אידיש נאציאנאל היים וועט אנערקענט ווערען. וואס איז אבער מעהר זיכער איז אז די אינטערנאציאנאלע כאראקטער שטריכער פון ארץ ישראל וועט מעהר און מעהר ענטוויקעלט ווערען. ירושלים איז באשטימט ביי איהר געשיכטליכער און געאגראפישער לאגע צו ווערען א צענטער פון פעלקערבונד, פיעל בעסער צוגעפאסט ווי גענף אדער האאג. עס איז אינטערעסאנט, אז סער מארק סייקס ווען ער האט

(פארזעצונג אויף פיידזש 3)

שוין באלד הונדערט יאר ווי אייראפא און די פאראייניגטע שטאאטען זוכען דעם האנדעלס מארק אין כינא

פון א פאכמאן

די גאנצע וועלט האלט יעצט געוואנדעט איהרע אויגען צום ווייטען מזרח און קוקט זיך צו מיט שפאנונג צו דעם קאמף, וואס ווערט אויסגעפאכטען צווישען כינא און יאפאן. קיינער קען ניט זאגען אין פאראויס מיט וואס דיעזער קאמף וועט זיך ענדיגען און צו וועט אין דעם קאמף ניט אריינגעשלעפט ווערען די גאנצע וועלט.

די אינטערעסען פון פיעלע לענדער זיינען אזעלכע, דאס עס איז ניט אויסגעשלאסען אז דיעזע לענדער זאלען פארוויקעלט ווערען אין א מלחמה. ענגלאנד שטעקט אין כינא מיט א קאפיטאל פון ערך א ביליאן און א פערטעל. סאוויעט רוסלאנד מיט דריי הונדערט מיליאן דאלאר, די פאראייניגטע שטאאטען מיט צוויי הונדערט און פופציג מיליאן דאלאר און די אנדערע מלוכות ווי פראנקרייך, דייטשלאנד, בעלגיום, איטאליען, האלאנד און אנדערע שטעקען דארט מיט נאך שווערע מיליאנען. און ניט אזוי די אינוועסטירטע מיליאנען ווי דער האנדעלס אומזאץ וואס ווערט מיט כינא געפיהרט.

כינא האט א באפעלקערונג פון איבער פיער הונדערט מיליאן מענשען. ווי ווייניג זיי זאלען ניט געברויכען, דערגרייכט דער האנדעל יעהרליך אין הונדערטע און הונדערטע מיליאנען. כינא איז א גרויסער אבזאץ מארק, אלע מלוכות באמיהען זיך צו פארקויפען דארט זייערע סחורות און עס פארשטעהט זיך, אז זיי קענען ניט צוקוקען זיך גלייכגילטיג, דאס יאפאן זאל פארכאפען כינא פאר זיך.

אינטערעסאנט אבער איז, אז עס איז אינגאנצען נאך ניטא קיין הונדערט יאהר זייט כינא איז געעפענט געווארען פאר פרעמדען האנדעל. כינא, וועלכע איז ארומגערינגעלט מיט א גרויסען מויער, איז פשוט געווען פארשלאסען פאר פרעמדע. דער אויסדרוק "כינעזישער וואנט" איז אי א בפועל ממש׳דיגער, ווייל זי איז ארומגערינגעלט מיט א ריזיגער וואנד, וואס האט געזאלט באשיצען זי פון אנפאל, און אי מיט א גייסטיגען וואנט, ניט אריינלאזענדיג צו זיך קיינע פרעמדע. די צווייטע וואנט איז דורכגעבראכען געווארען ערשט אין יאהר 1839 דאס הייסט ערשט מיט א וואסערע 93 יאהר צוריק.

די אייראפעאישע מעכטע האבען אימער געזוכט און זוכען אויך יעצט נייע מארקעטס צו פארקויפען זייערע אויסגעארבייטע סחורות און אויך אויף אויפצוקויפען רויהע מאטעריאלען. עס איז ניט קיין וואונדער, וואס אין דעם געיעג פאר נייע מארקעטס זאל מען ווארפען אן אויג אויף דער געדיכט באפעלקערטער כינא. כינא האט אבער, ווי געזאגט, ניט געוואלט אריינלאזען צו זיך קיינע פרעמדע, האט מען געזוכט וועגען און מיטלען ווי אזוי אהין אריינצודרינגען.

די ערשטע צו קעמפען מיט כינא, כדי צו קענען דארט האנדלען איז געווען ענגלאנד.

אין יאהר 1839 האט זי געפיהרט מיט כינא א מלחמה כלומרשט איבער אפיום, אבער די אבזיכט איז געווען צו צווינגען כינא אריינצולאזען ביי זיך אין לאנד ענגלישען האנדעל. דער דאזיגער קאמף האט זיך דאן געענדיגט מיט דעם, וואס אין יאהר 1842 האט ענגלאנד באהערשט האנג־קאנג און פינף גרויסע כינעזישע פארטען — שאנכאי, קאנטאן, אמאי, פוטשאוו און נינגבא — זיינען געעפענט געווארען פאר אויסלענדישען האנדעל מיט דעם רעכט פאר פרעמדע זיך דארט צו באזעצען.

דאס אריינדרינגען פון ענגלאנד אין כינא האט זעלבסטפארשטענדליך געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון אנדערע מלוכות און אין די קומענדע פאר יאהר האבען ענגלאנד, פראנקרייך און די פאראייניגטע שטאאטען אפגעשלאסען זעהר גינסטיגע האנדעלס אפמאכען מיט כינא. דיעזע אפמאכען זיינען עס געווען דער אנפאנג פון די שפעטערע אפמאכען, וועלכע האבען געפיהרט דערצו, אז די אויסלענדישע מלוכות זאלען קריגען עקסטריטאריאלע רעכטע אין כינא. מיט א פופצעהן יאהר שפעטער, נעמליך אין די צוויי יאהר פון 1858 ביז 1860 האבען טאקע די פאראייניגטע שטאאטען, ווי אויך פראנקרייך, רוסלאנד און ענגלאנד געשלאסען אפמאכען, וועלכע האבען שטארק אויסגעברייטערט די רעכטע פון די לענדער אין כינא און נייע פארט שטעדט זיינען געעפענט געווארען פאר אויסלענדישען האנדעל. רוסלאנד האט דאן געוואונען די שטיק לאנד, וואו עס געפינט זיך יעצט אויך וולאדיוואסטאק.

וואס ווייטער און ווייטער זיינען די אויסלענדישע מעכטע אלץ מעהר אריינגעדרונגען אין כינא. איינציגע נייע מלוכות זיינען צוגעקומען, דארונטער דייטשלאנד, מען האט אינוועסטירט דארט שווערע געלדער, א סך אייראפייער און אמעריקאנער האנדעלס פירמעס האבען דארט געעפענט אפטיילונגען, באזעצענדיג דארט זייערע פארטרעטער, אזוי אז היינט ציטאג געפינען זיך אין כינא ארום 375 טויזענט אויסלענדער.

אין דיעזער צאהל געהען אויך אריין יאפאנעזער, וואס וואוינען אין כינא. אינגאנצען זיינען יעצט אפען פאר דעם אויסלענדישען האנדעל ארום פופציג שטעדט, און 19 פון וועלכע עס געפינען זיך אויסלענדישע סעטלמענטס מיט קאנצעסיאנען.

יאפאן, וועלכע איז א שכנה פון כינא און וועלכע צוליעב איהר וואוקס פון איהר באפעלקערונג נויטיגט זיך אין נייע האנדעלס מערק און נייע לענדערייען, האט פארשטעהט זיך אויך געווארפען אן אויג אויף כינא און זי זוכט זיך דארט אויסצושפרייטען. עס איז ניט פון היינט וואס יאפאן זוכט אריינצודרינגען אין כינא. שוין אין יאהר 1895 האט יאפאן געזוכט אריינצוכאפען זיך אהין. אין יאהר 1905 דאס הייסט מיט 27 יאהר צוריק, האט זי איבערגענומען דעם ליעס פון רוסלאנד אויף דעם ליאאטונג האלב אינזעל, וואס רוסלאנד האט באקומען פון כינא אין יאהר 1898, און וואס ווייטער האט זי געהאלטען אין פארגרעסערען איהר איינפלוס אין כינא, ביז זי האט געווארפען איהר אויג אויף מאנדזשוריע, איבער וועלכע זי האט יעצט איבערגענומען די הערשאפט אויף א שטח פון 200 טויזענט קוואדראט מייל.

דער גאנצער סכסוך ארום כינא איז א רעזולטאט פון עקאנאמישער עקספלואטאציע פון דעם גרויסען באפעלקערטען מזרח לאנד. דער לוסט צו פארכאפען דעם כינעזישען האנדעלס מארק איז אימער געווען גרויס ביי פארשידענע פעלקער. עס זיינען געווען צייטען, ווען מען האט אפען גערעדט פון צוטיילען כינא צווישען די גרויס מעכטע, עס זיינען געווען צייטען, ווען די אויסלענדישע מעכטע האבען אנגעווענדעט פארשידענע מעטהאדען צו האבען דארט זייער איינפלוס. פראנקרייך האט געזוכט אויסצואיבען איר איינפלוס ארום אינדא כינא, רוסלאנד פון דער אנדערער זייט האט אונטער דעם צארישטישען רעזשים געזוכט אריינצודרינגען אין מיטעל כינא. און אזוי האבען אויך געטהאן אנדערע מלוכות. יעצט האט יאפאן זיך גענומען אריינדרינגען אין כינא. זי וויל ווערען דער ליפעראנט פאר דער הונדערטער מיליאניגער באפעלקערונג פון כינא. עס פארשטעהט זיך אז דאס ריהרט שטארק אן די אינטערעסען פון די אנדערע אויסלענדישע לענדער און אין אנדערע צייטען וואלט עס יאפאן ניט אזוי גרינג דורכגעפיהרט איהרע אמביציעס. אייראפא אליין איז אבער יעצט אין שווערע אומשטענדען צוליעב דער לעצטער וועלט מלחמה און זי קען זיך אזוי שנעל ניט אריינווארפען אין נייע מלחמות. יאפאן, זעהט אויס, ווייס עס און טהוט וואס זי וויל. קיינער איז אבער ווי געזאגט, ניט בכח צו זאגען מיט געוויסהייט, וואס דער יעצטיגער אויסגאנג פון קאמף וועט זיין, כינא איז פארט א צו גרויסער האנדעלס מארק מען זאל עס לאזען אזוי לייכט אוועקנעהמען.

וואס איז נוגע די פאראייניגטע שטאאטען האבען זיי בנוגע כינא צוויי באשטימטע פאדערונגען. אן אפענע טיהר אין כינא פאר האנדעל און אדמיניסטראטיווע גאנצקייט פון כינא זאל אפגעהיט ווערען.

דער קאמף צווישען כינא און יאפאן וואס קומט יעצט פאר איז אזוי ארום נוגע כמעט דער גאנצער וועלט. מען קוקט אבער אויך מיט איבערראשונג אויף דעם העלדישען ווידערשטאנד, וואס כינא ווייזט ארויס געגען יאפאן.

עס איז צו צווייפלען אויב יאפאן האט אזא שווערען ווידערשטאנד ערווארטעט. ווער קען וויסען וואס א לאנד מיט פיער הונדערט מיליאן מענשען קען באווייזען, ווען זי ערוואכט צו א געפאהר, וואס איהר דראהעט, מצד פרעמדע אריינדרינגער.

וויסענשאפט און טעכניק אין די לעצטע צוויי צענדליק יאר

פון א. גערבאוואי.

שווער פאר אונז, היינטיגע, זיך פארצושטעלען וואס פאר א וועלט דאס איז געווען מיט א פאר צעהנדליג יאהר צוריק. און לאמיר אייך פארזיכערען, אז עס קלינגט גאר ניט אזוי פאראדקסאל ווי עס קען זיך ארויסווייזען. א פאר צעהנדליג יאהר איז גאר ניט אזא ווייטער מהלך, ספעציעל ווען מיר האבען אין זינען אז דאס זענען די פאר צעהנדליג יאהר וואס מיר אליין האבען ערשט ניט לאנג איבערגעלעבט. דאס ווייזט זיך בלויז דאן אזוי אויס ווען מיר מעסטען צייט מיט אונזער געוועהנליכען מענשליכען ארשין. אין דער אמת'ן איז צייט א רעלאטיווער טערמין. צייט קען לויפען מיט בליציגער שנעלקייט און צייט קען שטעהן אויף איין ארט. א מענש קען אפלעבען גאנצע הונדערט יאהר און איהם זאל זיך אויסדוכטען, אז ער איז ערשט נעכטען געבוירען געווארען. און מיר קענען גאנץ אפט אויך אפלעבען גאנצע יאהרהונדערטע אין איין מינוט.

אונטער פארשיעדענע אומשטענדען, מוזען מיר בייטען אונזערע באגריפען וועגען צייט, מוזען מיר באנוצען גאנץ אנדערע מאסען צו מעסטען די פארלאפענע צייט. און קוקען מיר צוריק אויף די ערשט פארלאפענע פאר צעהנדליג יאהר, באטראכטען מיר דעם איבערבייט וואס עס איז פארגעקומען אין אונזער לעבען פאר אט דער צייט, אונזערע טעכנישע דערגרייכונגען, מוזען מיר קומען צום געדאנק, אז די וועלט האט אין די לעצטע פאר צעהנדליג יאהר אריינגעלעבט אפשר גאנצע יאהרהונדערטע. א פאר צעהנדליגי יאהר זאלט זיך אפט זעהר לייכט אויסמעסטען און אפשעצען, אבע ריאהרהונדערטע — ניט אזוי לייכט.

רעכענט אויס, אויב איהר קאנט, די טעכנישע און ערפינדערישע דערגרייכונגען אונזערע פאר די לעצטע פאר צעהנדליג יאהר און דאן מאכט דעם זעלבען חשבון פאר גאנצע הונדערט יאהר פריהער און איהר וועט ערשטוינט ווערען. מיר האבען פאר די לעצטע פאר צעהנדליג יאהר דערגרייכט מעהר ווי אונזערע טאטעס און זיידעס מיט א הונדערט יאהר פריהער. ווען איהר דאס באגרייפען, וועט איהר דאן פארשטעהן אויף וויפיעל מעהר און אויף וויפיעל אינטענסיווער מיר האבען פאר די לעצטע פאר צעהנדליג יאהר געלעבט ווי אונזערע טאטעס און זיידעס אין זייער צייט. און איהר וועט דאן פארשטעהן ווי אמת עס איז מיין באהויפטונג, אז מיר האבען אין די לעצטע פאר צעהנדליג יאהר אריינגעלעבט אפשר גאנצע יאהרהונדערטע.

איך וועל זיך בשום אופן ניט אונטערנעהמען אויסצורעכענען אלע ערפינדונגען, וועלכע זענען געמאכט געווארען אין די לעצטע פאר צהנדליג יאהר. א פאר אבער, וועל איך מוזען דערמאנען.

אמת, נאך מיט העכער צוואנציג יאהר צוריק האט מען גע'חלומ'ט וועגען, און מען האט עקספערימענטירט מיט אזעלכע זאכען ווי לופט־שיפען, עראפלאנען, סאבמארינס און ראדיא, אבער, זייער פארפאלקאמענונג איז געקומען אין די לעצטע פאר צעהנדליג יאהר. די לעצטע צוואנציג יאהר האבען פאקטיש געזעהן דאס ארויסברייגען און דעם שטענדיגען פארבעסערען זיך די פריהער אויסגערעכענטע ערפינדונגען און אין הונדערטער אנדערע.

שוין הונדערטער יאהרען די דער מענש חלום'ט אפצושאפען ווייטקייט, סיי דורך דעם וואס ער זאל זיך שנעל און אהן שוועריגקייטען קאנען אריבערטראגען פון איין פלאץ אויפ'ן צווייטען, אדער דורך דעם ווא סער זאל האבען די מעגליכקייט צו הערען וואס מען רעדט אויף ווייטע שטרעקעס. אין אונזער צייט איז דאס דערגרייכט געווארען. אין אונזער צייט איז ווייטקייט אדער דער באגריף פון ווייטקייט אינגאנצען אפגעווישט און פארווישט. אין אונזער צייט איז מעהר אדער ווייניגער פארפאלקאמט געווארען אט יענע ערפינדונג, וואס גיט דעם מענשען פליגעל, פליגעל ניט פאר זיין פאנטאזיע פאר זיין דמיון, נאר פליגעל בפועל ממש — דער עראפלאן.

פארשטעהט זיך, אז דער עראפלאן איז נאך דערווייל ניט אט יענער זיכערער טראנספארטאציאנס מיטעל, וואס מיר וואלטען געוואלט, אז ער זאל זיין. ער איז שוין אבער היינט צו־טאג, אין פארגלייך מיט זיין ארימען, ניט ראפינירטען און אפילו קינדערישען אנפאנג, א באדייטענד זיכערער און נוצבארער מיטעל. מיר זעצען זיך שוין יעצט אריין אין אן עראפלאן מיט באדייטענדער זיכערקייט, יעדענפאלס ניט מיט א סך ווייניגער זיכערקייט ווי איינער זעצט זיך אדער וואלט זיך געדארפט אריינזעצען אין אן אויטאמאביל זיך דורכצופאהרען די ענגע שטאדט גאסען. דער אונטערשיעד איז נאר, וואס צו דעם אויטאמאביל, וועלכער איז, אגב אורזחא, אויך פארפאלקאמט געווארען צו זיין יעצטיגער הויכער שטופע אין אונזער צייט, האבען מיר זיך שוין צוגעוואוינט און ניט נאר האבען מיר זיך צוגעוואוינט צו דעם אויטאמאביל גופא, נאר מיר האבען זיך שוין צוגעוואוינט אפילו צו די אומגליקספאלען וואס ער ברייגנט מיט זיך, צו די סכנות וואס ער טראגט מיט זיך.

עס מאכט דעם איינדרוק, אז מיר האבען זיך צוגעוואוינט צו דעם געדאנק, מאכט ניט אויס צי דער געדאנק איז געבוירען געווארען אין אונזער באוואוסטזיין אדער אין אונזער אונטער־באוואוסטזיין, אז מיר מוזען ברייגנען קרבנות פאר דעם פראגרעס וואס מיר האבען געמאכט און מיר מאכען. פאר דער פריווילעגיע איינצושלינגען ווייטקייט מיט דעם אויטאמאביל — אזוי פיעל און אזוי פיעל מענשליכע לעבענס א יאהר. פאר דער פריווילעגיע צו האבען אן אונטערערדישע באהן, א סאבוועי, וועלכע זאל זיך טראגען מיט ריזיגער שנעלקייט אונטער די גאסען פון ניו־יארק — אזוי פיעל און אזוי פיעל מענשליכע לעבענס א יאהר. און אזוי פאר דער פריווילעגיע אריבערצופאהרען שנעלער פון איין שטאדט אין דער צווייטער, פון איין געגענד אין דער צווייטער, מיט דער שנעלער אייזענבאהן; און אזוי פאר דער פריווילעגיע אריבערצושווימען די ימים, וועלכע טיילען אפ די קאנטינענטען א. א. וו.

מיר האבען נאך, אבער, ניט איבערגעטראגען אט דעם געדאנק אויף דער לופט־שיף און דעם עראפלאן, מיר זענען נאך ניט געווארען, ווי אייניגע רופען עס אן "עיר־מיינדער". אבער אונזער מאדערן לעבען טרייבט אלץ מעהר און מעהר דערצו. פריהער אדער שפעטער וועלען מיר שלום מאכען מיט דעם געדאנק, אז מר מוזען צאהלען מיט אונזער בלוט, מיט מענשליכע לעבענס פאר דער פריווילעגיע צו פליהען אין דער לופט. וועלען מיר פליהען און וועלען צאהלען... לופט־פליהעריי וועט דאן ווערען זיכערער ווי היינט צו־טאג.

וואלט איך זיך דא געקאנט אוועקלאזען אויף גאט ווייסט ווי לאנג. איך וואלט געקאנט אנווייזען אויף די שטופענווייזע אויסבעסערונגען און פארבעסערונגען, וועלכע זענען לעצטענס געמאכט געווארען אין דעם אויטאמאביל, אין דעם עראפלאן, אין דער לופט־שיף, אין דער ראדיא א. א. וו. אבער איך וועל דאס ניט טאן. פשוט — איך וויל ניט זיך און ניט דעם לעזער אויסמאטערען מיט דעטאלען.

ביז היינט צו־טאג, קאן מען זאגען, האבען דער אויטאמאביל און די לופט־שיף דערגרייכט א גאר גרויסע הויכע שטופע אין זייער אנטוויקלונג. שווער צו זאגען ווי אזוי זיי קאנען געמאכט ווערען זיכערער, אויב עס איז בכלל פאראן אזא זאך ווי מעהר זיכערקייט. איין זאך וועט מען נאך יא שטרעבען צו דערגרייכען אין זיי — שנעלקייט. שנעלקייט ווערט בכלל דער אפגאט פון אונזער מאדערנער צייט. שנעלקייט פאנגט אונז אן צו באהערשען. כאפט אונז אריין אין זיין שטראם און טראגט אונז מיט זיך. געגען אונזער אייגענעם ווילען. ליגט אפשר אין דעם דער סוד וואס אונזער צייט שפאנט מיט ריזיגע טריט, ווייל ניט נאר דאס אינדיווידועלע לעבען ווערט בעאיינפלוסט פון אונזער צייט־גייסט און שפיגעלט איהם אין זיך אפ. נאר דער גאנצער גאנג פון אונזער מאדערנעם, זאל איך זאגען קאלעקטיווען אדער אפילו קאסמישען לעבען, שפיגעלט אפ דעם צייט־גייסט אונזערען.

ניט נאר לויפט דאס לעבען אונזערס מיט ריזיגע טריט אלץ שנעלער און שנעלער. נאר אפילו אונזער ציוויליזאציע, אונזער אנטוויקלונג אויף יעדען געביט, לוויפט מיט ריזיג שנעלע טריט.

ווען אונזערע זיידעס און עלטער־זיידעס זענען נאכגעגאנגען טריט ביי טריט נאך א וואגען, געשפאנט מיט אקסען איז דאס לעבען פארביי זיי געפלאסען לאנגזאם, טריט ביי טריט. נאכגעהאלטען מיט זיי, ניט געלאפען פאראויס, ניט געבליבען הינטערשטעליג. נאך מעהר, אפילו די ציוויליזאציע זייערע, אפילו זייערע וויסענשאפטליכע און טעכנישע דערגרייכונגען האבען זיך רוהיג געשפאנט טריט ביי טריט, מיטגעהאלטען מיט דעם לעבען און מיט די דאמאלסטדיגע מענשען. אנדערש איז אבער אין אונזער צייט, אין דער צייט פון דעם פליה־גייסט, פון דער שנעלקייט הערשאפט, אין דער צייט פון דעם אויטאמאביל, דעם עראפלאן און דער ראדיא, וועלכע שלינגען איין דיסטאנץ און ווישען אפ ווייטקייטען.

אונזער לעבען טראגט זיך ווי אויף אדלער פליגעל און לויפט פאראויס פאר אונז. לאזט אונז אין הינטערגרונד. דערפאר איז מעגליך אין אונזער צייט א מעכאנישע אנטוויקלונג מיט וועלכער מיר קאנען שוין מעהר ניט נאכהאלטען — דערפאר וויסענשאפטליכע דערגרייכונגען צו וועלכע מיר זענען נאך ניט דערוואקסען. דערפאר דער געשריי, אז די וויסענשאפט און די טעכניק זאלען ערקלעהרען א מאראטאריום, א יום־טוב, כדי דער מענש זאל האבען די געלעגענהייט כאטש אויף וויפיעל ניט איז צו פארדייען און אסימילירען דאס שוין ביז יעצט געשאפען, פארשטעהן דאס, שוין ביז יעצט דערגרייכטע, ס'איז שוין אבער צו שפעט. מיר קאנען שוין מעהר ניט אפשטעלען דאס ראד פון פראגרעס, וועלכער ווערט אלץ שנעלער און שנעלער געטריבען פון אונזער צייט־גייסט. שנעלקייט איז און וועט ערשט ווערען דער אל־הערשענדער כוח אין אונזער לעבען.

דערפאר די אנשטרענגונגען צו אנטוויקלען וואס א גרעסערע שנעלקייט. אן אויטאמאביל וואס טראגט זיך מיט דער שנעלקייט פון 60 מייל א שטונדע, שטעלט אונז שוין מעהר ניט צופרידען מיר וואלטען וועלען אז ער זאל זיך טראגען צוויי און און דריי מאל אזוי שנעל. אפילו דער עראפלאן, וואס טראגט זיך אין דער לופט מיט דער שנעלקייט פון 100 און 125 און מעהר מייל א שטונדע שטעלט אונז שוין מעהר ניט צופרידען. מיר וואלטען זיך וועלען טראגען מיט א שנעלקייט פון טויזענטער מייל א שטונדע. ניט גענוג פאר אונז וואס מיר האבען איינגעשלונגען און אפגעווישט די ווייטקייטען ביי אונז אויף דער ערד, ווילען מיר דאס זעלבע דערגרייכען אין קאסמישען רוים. מיר ווילען איינשלינגען און אפווישען די שנעלקייט צווישען פלאנעטען... דערפאר די מורא'דיגע אנשטרענגונג צו אנטוויקלען די ראקעטען סיסטעם צו באטרייבען לופט־שיפען, עראפלאנען און אפשר אויך אויטאמאבילען. דערפאר די אנשטרענגונג צו פארפאלקאמען טעלעוויזיע — מיר שטעלען זיך שוין מעהר ניט צופרידען מיט דעם וואס די דיסטאנץ פון אונזער אויער איז אפגעווישט געווארען, עס מוז אויך אפגעווישט ווערען פאר'ן אויג.

אונז שטעלט שוין מעהר ניט צופרידען די אילוזיע, מיר מוזען האבען די ווירקליכקייט, מיר מוזען זעהן בפועל ממש, מען מוז אונז אונטערדרוקען דעם ערד־קוגעל און אפשר נאך מעהר ווי דאס, גלייך אונטער דער נאז.

אין אט דער ריכטונג זענען געטריבען געווארען אלע אונזערע טעכנישע ערפינדונגען און דערגרייכונגען פאר די לעצטע פאר צעהנדליג יאהר. אין די טויזענטער דערגרייכט זייער צאהל און איך וועל זיך אפילו ניט אונטערנעהמען זיי אויסצורעכענען און דאס איז בכלל ניט נויטיג, איך שרייב דאך דא ניט קיין געשיכטליכע אפהאנדלונג וועגען די טעכנישע דערגרייכונגען אונזערע אין די פארגאנגענע צוויי צעהנדליג יאהר. פאר מיר איז געווען וויכטיגער איבערצוגעבען דעם גייסט זייערען, אזוי צו זאגען. און אין אונז נאהענט און פארשטענדליך דער גייסט פון אונזער צייט. דער צייט־גייסט פון די פארלאפענע פאר צעהנדליג יאהר, זעהען מיר שוין דאס לעבען פון א גאנץ אנדער ווינקעל און מיר שאצען אפ זייערע דערגרייכונגען שוין אויף א גאר אנדער אופן.

די איינצעלנע ערפינדונג באקומט שוין דאן ביי אונז אין די אויגען א גאר אנדער באדייטונג. א גאנץ אנדער אויסזעהן. מיר זעהען זי שוין מעהר ניט אלס אן איינצעלנע, אפגעזונדערטע זאך, אן ערפינדונג וואס האט זיך איהר באזונדערען ציעל און איהרע באזונדערע אורזאכען וואס האבען זי צום לעבען גערופען. נאר מיט דערזעהען זי אלס א טייל פון גאנצען, אלס א קליין שריפעלע אין א גאנץ גרויסער מאשין און מיר פארשטעהען דאן דעם אימפעט וואס האט זי צום לעבען געבראכט און וואס האט זי אין גאנג געלאזט.

בלויז אין אונזער צייט. אין דער צייט ווען מיר לעבען שנעלער, מיט א שנעלערער טעמפא, לעבען אריין מעהר אין מינוטען ווי אונזערע אור־עלטערען אין יאהרען, זענען מעגליך געווארען אזעלכע ערפינדונגען ווי דער אויטאמאביל, דער עראפלאן, די לופט־שיף, די ראדיא א. א. וו. עס איז אבער א טעות צו מיינען, אז בלויז אונזער יעצטיגע לעבען האט ארויסגערופען דיזע ערפינדונגען און אז דיזע ערפינדונגען האבען ניט אויסגעאיבט זייער איינפלוס אויף אונזער לעבען. איינס האט אויף דעם צווייטען געווירקט.

שווער צו זאגען ווען איינער האט דעם צווייטען גענומען באווירקען אדער ווער עס האט אויף וועמען אויסגעאיבט א גרעסערען איינפלוס. איין זאך איז אבער זיכער: פונקט ווי די שנעלע טעמפא פון אונזער לעבען האט דיזע ערפינדונגען אין לעבען ארויסגערופען, אזוי איז אויך אמת, אז דיזע ערפינדונגען האבען ארויסגערופען די שנעלערע טעמפא פון אונזער לעבען. און דערפאר איז יעצט אזוי לייכט פאראויסצוזאגען, אז אין די קומענדע צעהן יאהר וועלען די ערפינדונגען נאך זיין גרעסערע און וויכטיגע ווי ביז יעצט, ווייל די טעמפא פון אונזער לעבען וועט זיך נאך פיעל פארשנעלערען. פונקט ווי איך וועל ניט זיין ווייט פון דעם אמת, ווען איך וועל זאגען, אז די פארפאלקאמענונג פון טעלעוויזיע, ראקעטען און אנדערע ערפינדונגען אויף וועלכע מען ארבייט שוין יעצט און וועלכע וועלען זיך זיכער פארווירקליכען אין דער ניט ווייטער צוקונפט, וועלען פיעל פארשנעלערען די טעמפא פון אונזער לעבען.

און פונקט ווי דער צייט־גייסט לאזט זיך פיהלען אין אונזערע טעכנישע דערגרייכונגען, אזוי לאזט ער זיך אויך פיהלען אין אונזערע דערגרייכונגען אויף דעם געביט פון ריינער וויסענשאפט, אמת, דא איז ער שוין ניט אזוי בולט, אזוי פשוט ווי אין דער טעכניק. דא קאן מען איהם מיט די הענט ניט אנטאפען, אזוי צו זאגען. דא מוז מען טיעפער אריינדרינגען כדי איהם צו דערפיהלען. יא, דערפיהלען און ניט דערזעהן. אבער ער איז דא און איבט אויס זיין איינפלוס. ביי א צווייטער געלעגענהייט וועל איך אפשר וואגען צו באהאנדלען דיזען ענין אביסעל ברייטער. יעצט וועל איך זיך מוזען באגרעניצען מיט אן אלגעמיינעם איבערבליק.

די פארגאנגענע צוויי צעהנדליג יאהר זענען באמת געווען רעוואלוציאנערע יאהרען אין דער ריינער וויסענשאפט. אלעס וואס איז ביז דאן דערגרייכט געווארען אין פון אונזער עפאכע, קאן מען זאגען, צושמעטערט און צושטערט געווארען פון דעם סאמע ווארצעל. אבער דער גייסט פון דער מאדערנער וויסענשאפט דריקט זיך ניט אויס אין דעם בלויז וואס אלטע אמת'ן זענען צושטערט געווארען און נייע זענען אויף זייער פלאץ אנגענומען געווארען. נאר אין דעם וואס אונזער בליק אויף זאכען האט זיך געענדערט.

איך וואלט אונזער צייט אנגערופען די אונזיכערקייטס עפאכע, אין דער

(פארזעצונג אויף פייג' 3)

דער מייסטער פון אידישען ווארט

(צום באזוך פון רבי שאול סילווער אין טאראנטא).

פון משה נאבעלמאן

די גמרא זאגט (סוטה): "משמת רבן יוחנן בן זכאי בטל זיו החכמה". האט דער באריהמטער גאון ר' יצחק אלחנן געפרעגט פאר וואס שטעהט עפעס אין דער גמרא "זיו החכמה?" נאר חכמה אליין, זאגט ער איז א קלייניגקייט, מען דארף קענען באפוצען און באגלאנצען די חכמה, און דער "זיו החכמה" איז נאר געווען ביי רבן יוחנן בן זכאי, ווייל ער האט פארמאגט הונדערט מיט צוואנציג תלמידים אין זיין ישיבה, וואס ער האט אויף זיי משפיע געווען פון זיין אור הגנוז...

נאך א מאמר איז פאראן אין דער גמרא (בבא מציעא) "כשנתבקש רבה בר נחמני בישיבה של מעלה לא ידעו דוכתיה מצאו צפרי דמטללי וקיימי" — האט דער באריהמטער גאון רבי יצחק אלחנן אויך געגעבען צו פארשטעהן דעם מאמר, אז דאס גרויסקייט פון רבה בר נחמני איז באשטאנען אין דעם. וואס ער איז געווען באליעבט ניט נאר ביי דעם עלטערען דור, נאר אויך ביי דעם יונגען דור. וואס ווערען אנגערופען פויגעלאך.

די פערזענליכקייט פון דעם באוואוסטען רעדנער רבי שאול סילווער איז באליעבט ביי יעדען סיי אלט און סיי יונג מיט זיין "זיו החכמה" און מיט "צפרי דמטללי"...

ער איז באריהמט אלס דער פרעזידענט פון דער שיקאגאר ישיבה "תורה ודעת", וואו מען האט איהם געגעבען א קאנטראקט אויף כל ימי חייו...

ער איז א באגאבטער טאלאנטפאלער רעדנער פון גאטס גענאדען, וואס באצויבערט אלע זיינע צוהערער וואס עס גלוסט זיך ניט אוועקגעהן בלויז עס ווילט זיך זיצען אין זיין סביבה און שעפען פון דעם קוואל צו שטיהען דעם דארשט פון וויסענשאפט...

* * *

איך האב געהאט דעם כבוד צו באקענען זיך מיט'ן גדול צוריק מיט צוויי יאהר ווען רבי שאול סילווער איז געווען איינגעלאדען צום באנקעט אין דער תלמוד תורה עץ חיים, וועלכען מען האט ארראנזשירט דאן לכבוד דעם דאמאלסדיגען קאמפיין.

די הערליכע בילד שוועבט נאך פאר מיינע אויגען: "דער גרויסער האל פון די ת"ת איז געווען דעקארירט מיט שעהנע בלוי־ווייסע בלומען־קרענץ און באלויכטען פון ליכט פון פארשיעדענארטיגע קאלירען. וואו עס האבען זיך געפונען קרוב צו עטליכע הונדערט פראמינענטסטע מענשען פון שטאדט, פון עשירים נכבדים, תלמידי חכמים וענשי מעשה צווישען זיי אויך פון די אנגעזעהענסטע ניט אידישע פאליטיקער. וואס מען קען אנרופען "חסידי אומות העולם" און אלע אויגען זיינען געווען געווענדעט צום גאסט פון באנקעט רבי שאול סילווער, וועלכער איז געזעסען בראש. וואס פון זיינע קלוגע שווארצע אויגען האבען געפינקעלט מיט פייערדיגע בליצען און פון זיין בריליאנטענעם מויל האט געדונערט מיט די קולות פון דעם "אש דת"...

אלע אנוועזענדע זיינען געווען היפנאטיזירט פון זיינע שארפזיניגע פערעלדיגע געדאנקען'.

איבערהויפט האט מיר באגייסטערט פאלגענדער משל:

"ביים באריהמטען וועלט גאון "חתם סופר" איז געפעהרליך קראנק געווארען זיין זוהן. אלע דאקטוירים און פראפעסארען האבען זיך שוין פון איהם מיאש געווען. ער האט שוין געהאלטען ביי דער גסיסה ר"ל. מען האט אנגעצונדען ליכט ביים צוקאפענס פון חולה און געווארט אויף די לעצטע מינוטען. דער פאטער פון קינד האט דערווייל מתפלל געווען צום בורא עולם. און דער רופא חולים האט באוויזען א נס אז דער חולה האט אנגעפאנגען. צו באוועגען זיך און האט פאמעליך געעפענט די אויגען און איז צו ביסלאך געקומען צו זיך ביז ער איז אין גאנצען געווארען פאלקאם געזונט.

אין א שטיקעל צייט ארום, האט דער "חתם סופר" געמאכט א סעודת הודאה פאר זיין קינד'ס געזונט ווערען. אלע געסט האבען געבראכט מתנות פאר דעם קינד נאר דער פאטער האט דעם קינד ניט געקויפט קיין מתנה ער האט בלויז אנגעצונדען די ליכט. וואס האבען געברענט ביי זיין צוקאפענס אין דער צייט פון דער גסיסה. און ווען מען האט איהם געפרעגט די באדייטונג דערפון האט ער געענטפערט שטאלץ, אז דער מענש זאל תמיד געדענקען. ווען ער האלט שוין ל"ע ביי דער לעצטער מדרגה, ווען עס דוכט זיך איהם אז "כלו כל הקצין" דארף ער זיך ניט מתיאש זיין פון רחמים. אזוי איז אויך מיט'ן אידישען חנוך — האט דער חשוב'ער רבי אויסגעשריען — ווען די מספידים האבען שוין באקלאגט דעם אידישען חנוך דא אין אמעריקא און האבען שוין אפגעזאגט אויף איהם א רבנן קדיש און האבען שוין אנגעצונדען די גסיסה ליכט, דארף מען זיין פול מיט האפנונג, אז די זעלבע ליכט וועלען מיר נאך זוכה צו זיין אנצינדען פאר די נרות התחיה!"...

יעצט נאך זיין אפוועזענהייט פון צוויי יאהר פון טאראנטא קומט ווידער דער אורח הגון צו אונז צום באנקעט. וועלכען די מנהיגים חשובים פון ת"ת האבען צוגעגרייט פאר היינט. זונטאג פ' תשא. אלזא איז צו האפען. אז אלע קלאסען מענשען וועלען זיכער קומען נעהמען אן אנטייל אין דער שמחה של מצוה, זיי וועלען געוויס האבען אן עונג רוחני וגשמי און וועלען טאקע נהנה זיין מזיו החכמה און ווי שלמה המלך זאגט:

בצל החכמה בצל הכסף!

אין שוהלען און ארגאניזאציעס

נייעס פונ'ם פאלקס־פאראיין

פארבארייטונגען פאר'ן קומענדען קאמפיין, וועלכער פאנגט זיך אן דעם 13־טען מערץ, זענען יעצט אין פולען גאנג. פיעלע ארגאניזיציעס האבען ניט נאר צוגעזאגט זייערע בייסטייערונגען צום קאמפיין, נאר האבען אויך צוגעשיקט דעלעגאטען און ארבייטער, וועלכע זענען גרייט ארויסצוהעלפען אין דער ארבייט.

די לעצטע קאנפערענץ אונטער דעם פארזיץ פון מר. ש. מ. שאפירא, פונ'ם ,,אידישען זשורנאל", איז געווען באזוכט פון פארשטעהער פון אזעלכע ארגאניזאציעס ווי די באי ברית, אהבת אחים פון די פארעסטערס, בני יעקב, פרייד אף איזראעל, טאראנטא אינדעפענדענט בענעוואלענט, פיעלע שוהלען, ארבייטער רינג ברענטשעס און פיעלע אנדערע.

עס איז ערוועהלט געווארען א קאמפיין קאמיטע, וועלכע האט דאס רעכט צו צוציהען נויטיגע ארבייטער. עס איז ווייטער באשלאסען געווארען, אז ספעציעס ווי די בני ברית, אהבת אחים פון גען פון פארשיעדענע ארגאניזאציעס אין סאסייטיס, אום צו פאראינטערעסירען אלעמען אין דער ארבייט.

פאר דער לעצטער צייט באמערקט מען, אז פיעלע אלטע ארבייטער, וועלכע האבען פריהער גענומען אן אקטיווען אינטערעס אינ'ם פאראיין און זענען איבער פארשידענע סבות צוריקגעשטאנען, הויבען אן צוריק צו קומען און נעהמען אן אנטייל אין דער ארבייט. צווישען די אייניגע געפינען זיך אזוינע איבערגעגעבענע ,,פאלקס־פאראייניסטען", ווי מר. מ. ליטנער, מ. טארנאווסקי, גאלדפיעלד און פיעלע אנדערע.

די פיהרער פונ'ם פאראיין זענען אין יעצטיגען מאמענט מעהר ווי זיכער, אז מיט דער שטיצע וואס דער פאראיין קריגט יעצט פונ'ם שטאדט, ארגאניזאציעס און אויך אינדיווידועלע ארבייטער, וועט דער קומענדער קאמפיין אהן צווייפעל זיין א דערפאלג, און דער פאראיין וועט קענען אנגעהן מיט זיין ארבייט.

אין ,,גורדוניה"

די יוגענט ארגאניזאציע ,,גורדוניה" גרייט זיך יעצט צו אן אינטערעסאנטען קאנצערט, וואס וועט פארקומען זונטאג, דעם 13־טען מערץ.

דערווייל ווערט אויך ניט פארנאכלעסיגט די ברייטע געזעלשאפטליכע ארבייט, און אויך די אינווייניגסטע דערציהערישע. די ארגאניזאציע נעהמט אנטייל אין פארשיידענע ציוניסטישע ארבייטען, ווי פאר'ן קרן קימת, געווערקשאפטען קאמפיין א.אז.וו. עס ווערען אויך אנגעפיהרט סיסטעמאטישע לעקציעס אין העברייאיש, אידישע געשיכטע, ציוניזם א.אז.וו.

איוואניצקער סיק בענעפיט סאסייטיס געגרינדעט

זונטאג, דעם 14־טען פעברואר, איז אין האל פון עץ חיים תלמוד תורה פארגעקומען א מיטינג פון דער ניי געגרינדעטער איוואניצקער סיק בענעפיט סאסייטי. א גרויסע צאהל איוואניצקער לאנדסלייט האבען זיך שוין אנגעשלאסען אלס מיטגלידער, און עס ווערט יעצט אנגעפיהרט א קאמפיין פאר נאך מיטגלידער.

עס איז אויסגעקליבען געווארען א צייטווייליגער קאמיטעט פון 9 מעמבערס אנצופיהרען מיט דער גרינדונגס ארבייט. די גרויסע צאהל איוואניצקער לאנדסלייט אין שטאדט פארזיכערען דעם דערפאלג פון דער סאסייטי.

צויזמערער אידעפענדענט בענעפיט סאסייטי

די צויזמערער אינדעפענדענט בענעפיט סאסייטי גרייט זיך יעצט צו א גרויסער אונטערנעהמונג, וואס וועט דארפען פארשטארקען דער ניי געגרינדעטער סאסייטי.

ביז יעצט איז די ארבייט אין דער סאסייטי זעהר א דערפאלגרייכע. די מיטינגען ווערען געפיהרט דורכאוים אין אידיש.

,,איקאר" ניעס

די וויכטיגע אויפבוי ארבייט אין בירא־בידזשאן און די נאך וויכטיגערע אויפבוי פלענער, וואס די סאוויעטען רעגירונג האט אנגעמערקט פאר די נעקסטע צוויי יאהר אום צו באזעצען בירא־בידזשאן, לייגט ארויף אויף דער ,,איקאר" ארגאניזאציע גרויסע פאראנטווארטליכקייטען. דער ,,איקאר" האט שוין ביז יעצט אריבערגעשיקט קיין בירא־בידזשאן פארשיידענע וויכטיגע מאשינען, ווי: טראקטארס, עקסקאווייטארס, א זעג מיל, א פרינטינג פרעס א.אז.וו. און אויך טיילען פון מאשינען.

יעצט האט זיך דער ,,איקאר" געשטעלט אן אויפגאבע צו שאפען א האספיטאל מיט דער גאנצער נויטיגער אויסשטאטונג, ווי אויך אויפצובויען א מוסטער שטעדטעל פאר אגריקולטור און אינדוסטריע, וואו אלעס וועט געטאן ווערען ניט מאדערנסטער מאשינעריי.

כדי די דאזיגע פארפליכטונגען דערפאלגרייך דורכצופיהרען האט דער טאראנטא'ר ,,איקאר" קאמיטעט באשלאסען צו רופען א שטאדט קאנפערענץ פון אלע פאראינטערעסירטע ארגאניזאציעס און יחידים.

דער טאראנטא'ר קאמיטעט לאזט פאר דער קאנפערענץ צו באטראכטען די פלענער, ווי אויך אנצונעהמען מיטלען די פלענער צו פארווירקליכען.

,,איקאר" קאמ., טאראנטא.

שעהנע געבורטסטאג פארטי

אויף א באזונדער שעהנעם אופן איז זונטאג דעם 14־טען פעברואר, אין דער היים פון מר. און מרס. שווארץ אויף קראופארד סטריט, געפייערט געווארען דער געבורטסטאג פון מרס. שווארץ. א גרופע פון אינטימע פריינט האבען זיך בארזאמעלט אין אוונט און נאכדעם ווי מען האט פארבראכט ביי שעהן געדעקטע טישען, האט זייער יונגע טאכטער, פיער יאהר אלט, דעקלאמירט. מיס מאריינעס האט געגעבען צוויי שעהנע דעקלאמאציעס, און באגריסונגען זענען געהאלטען געווארען פון ש. מ. שאפירא, הרב סאקס און אנדערע.

צווישען די אנוועזענדע זענען געווען:

מר. און מרס. ראביי ס. סאקס, מר. און מרס. ש. מ. שאפירא און טאכטער, מר. און מרס. י. מאריינעס, מר. און מרס. דזשיי. וויינבערג, מר. און מרס. האבער, מר. און מרס. סמיט, מר. און מרס. מ. מאריינעס, מרס. דאראטי דווארקין, ל. רעקסלין, דזשולים מאריינעס און אנדערע.

די געסט האבען געוואונשען מר. און מרס. שווארץ, לאנגע יאהרען פון גליק.

גאלדענע חתונה פון מר. און מרס. קאהען

זונטאג, 14־טען פעברואר, איז אין אלד ספעין פארגעקומען די פייערונג פון דער גאלדענער חתונה פון מר. און מרס. דזשייקאב קאהען, פון 1035 בעטהורסט סטריט.

דער הויפט רעדנער איז געווען ראביי ס. סאקס. די בעלי שמחה האבען באגריסט: אלד. נייטען פיליפס, קיי.סי.; ס. פעקטאר, מ.פ.; אלדערמאן דזש. דזש. גלעס; דר. קראופארד, טשיף קאראנער פון אנטעריא, און אנדערע.

מר. בוירט פריד איז געווען טאאסט־מייסטער.

בר מצוה פייערונג

מר. און מרס. ב. ניקאלאיעווסקי, פון 125 מארייע סטריט, וועסט טאראנטא, האבען שבת, פ' תרומה, געפייערט די בר מצוה פון זייער זוהן שמואל נחום, אין דער מארייע סטריט שוהל, און אויף מארגען מיט א שמחה אין מינצ'ס רעסטאראן, אויף ספעדיינע.

דער בר מצוה האט דערביי געהאלטען זעהר א שעהנע דרשה. עס האבען אויך גערעדט פיעל קרובים און געסט.

ביי דער ,,ברית עברית" אין טאראנטא

די טעטיגקייט פון דער טאראנטא'ר אפטיילונג פון אלוועלטליכען העברייאישען פארבאנד האט זיך די לעצטע עטליכע וואכען קאנצענטרירט ארום די העברייאישע פאלקס קורסען, וואס זענען שוין דערעפענט געווארען אין די צימערען פון דער בראנזוויק ת"ת, און ארום דעם העברייאישען כאר. א לעבעדיגע טעטיגקייט האט זיך ארויסגעצייגט ארום דעם כאר, וואס פארשפרעכט צו זיין א וויכטיגע אינסטיטוציע אין טאראנטא'ר געזעלשאפטליכען לעבען.

אין דער זעלבער צייט געהען אן די פארבארייטונגען צו עפענען אן אייגענעם לאקאל וואס זאל ענטהאלטען א לעזע צימער מיט דער העברייאישער פרעסע מארבע פנות העולם, און א פארגרעסערטע העברייאישע ביבליאטעק מיט דער נייעסטער העברייאישער ליטעראטור.

פאר'ן העברייאישען פארום ווערען אויך צוגעגרייט א רייע רעדנער, וואס וועלען אויפטרעטען מיט פארטראגען וועגען די גרעסטע העברייאישע שרייבער און בכלל העברייאישע קולטור טרעגער, ואחרון אחרון חביב, די לעקציע ביורא וואס זאל באזארגען אונזערע צווייגען מיט לעקטארס איז שוין איינגאנצע צוגעגרייט און נאר אין גיכען וועלען אנאנסירט ווערען די נעמען פון די רעדנער און אויך די טעמעס פון די פארשידענע רעפעראטען.

דער נעקסטער העברייאישער פארום וועט פארקומען זונטאג דעם 28־טען פעברואר, מיט ח' מ. פרענק, פרינציפאל פון בראנזוויק ת"ת, אלס הויפט רעדנער.

נייעס פון איבער גאנץ קאנאדע

דעלעגאציע פון ארבעטסלאזע ארעסטירט פאר באלאנגען צו אונלעגאלער ארגאניזאציע

ארויסגעלאזט אויף בעיל ביז זייער פראצעס דעם 23־טען פעברואר. — זיינען געפאהרען קיין קוויבעק אויף אן אינטערוויו מיט'ן פרעמיער.

מאנטרעאל, פעברואר 20.

די דעלעגאציע פון ארבייטסלאזע, וואס איז אפגעפאהרען פון דאנען קיין קוויבעק פאר אן אינטערוויו מיט פרעמיער טאשערא, און וועלכע איז פארהאלטען געווארען אין לאנג פאינט לעבען מאנטרעאל, ווען דער דרייווער איז ארעסטירט געווארען פאר צו שנעלען פאהרען, איז געשטעלט געווארען אונטער א קלאגע פון באלאנגען צו אן אונגעזעצליכער ארגאניזאציע. זיי זיינען ארויסגעלאזט געווארען אונטער בעיל צו דערשיינען פאר זייער פראצעס דעם 26־טען פעברואר.

די 16 אנגעקלאגטע זיינען מיטגלידער פון דער יוניטעד דעפענס ליעג. זיי זיינען ארעסטירט געווארען אין לאנג פאינט, אויפ'ן מזרח ברעג פון מאנטרעאל אינזעל פון צוויי פאליסלייט, וואס האבען נאכגעפאלגט דעם טראק, אין וועלכען די דעלעגאציע איז געפאהרען, פון דעם מאמענט, וואס דער טראק איז אפגעפאהרען פון שטאדט.

אין דערזעלבער צייט האט מיס בעלא גארדאן, די סעקרעטארין פון דער קענעדיען לייבאר דעפענס ליעג, אנגעקלאגט דער פאליציי אין אוננויטיגען שטרענגען באהאנדלען און גוואלד־טהאטען נעגען די ארעסטירטע.

זי דערצעהלט, אז טראץ דעם, וואס אלע מיטגלידער פון דער דעלעגאציע האבען אויסגעפאלגט דעם באפעהל פון די פאליסלייט אפצושטעלען דעם טראק און איהם פארלאזען, זיינען זיי באפאלען געווארען פון די צוויי פאליסלייט און אויך 25 דעטעקטיוום און זיינען געשלאגען געווארען. דריי פון די פארהאלטענע האבען ערנסט געליטען פון די קלעפ און זיינען יעצט קראנק.

וויניפעג ברענטשעס פון פראווינשעל באנק געשלאסען שבת

וויל בוכפיהרער קענען ניט פארטיג ווערען מיט אריינשרייבען ארויסגעצוגענע דעפאזיטס פון פרייטאג.

וויניפעג, פעברואר 21.

די וויניפעג אפטיילונגען פון דעם מאניטאבא פראווינשעל סייווינגס אפיס זיינען נעכטען געווען געשלאסען. דער אינספעקטאר פון דער קאנאדיען באנק אף קאמערס, ד. דזש. קענעדי האט דערקלעהרט אז זיי זיינען געבליבען פארמאכט צוליעב דעם, וואס פאר די בוכפיהרער האט זיך אנגעקליבען צופיעל ארבייט דורך דער גרויסער צאהל דעפאזיטס, וואס זיינען פרייטאג ארויסגענומען געווארען. די אנגעשטעלטע האבען געארבייט איבער די ביכער פרייטאג א גאנצע נאכט, אבער עס איז זיי אונמעגליך געווען עס צו פארענדיגען.

די אויסער שטאדטישע אפטיילונגען האבען ניט געדארפט באנוצען אזא צאהל ארויסציהונגען פון דעפאזיטס און זיי זיינען געבליבען אפען שבת'דיגען טאג.

וואודסווארט ברענגט פארשלאג אין פארלאמענט צוריקרופען סעקשאן 98 פון דעם קרימינעלען געזעץ

האלט, אז עס קען אויסגענוצט ווערען געגען ארגאניזירטע ארבייטער. — דער פארשלאג איז שוין פינף מאל דורכגעפאלען אין דעם סענאט.

אטאווא, פעברואר 20.

דזש. ס. וואודסווארט (לייבאר דעפוטאט פון וויניפעג נארד) קלייבט זיך ווידער אריינצוברענגען אין פארלאמענט א פארשלאג צו אמענדירען דעם קרימינעלען קאדעקס בנוגע צו אונגעזעצליכע פארזאמלונגען.

וואודסווארט האט געלאזט וויסען, אז ער וועט עס טאן אין דער נאהענטער צוקונפט.

פינף מאל איז דער אמענדמענט דורכגעגאנגען אין פארלאמענט, נאר איז אלע מאל דורכגעווארפען געווארען אין סענאט. עס איז שוין דורכגעגאנגען אין פארלאמענט סיי אלס פריוואטער פארשלאג, סיי אלס רעגירונגס פלאן. דאך האט עס יעדעס מאל אין סענאט ניט געקראגען קיין מאיאריטעט.

זיין פארשלאג ציעלט אפצושאפען סעקשאן 98 פון קרימינעלען קאדעקס, וואס באהאנדעלט אונגעזעצליכע פארזאמלונגען. לויט די, וואס אונטערשטיצען דעם פארשלאג, קען די דאזיגע סעקשאן פיעל שטערען די געזעצליכע טעטיגקייט פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט.

שטאט באזארגט הונגער מארשערס מיט פאנען

וואנקאווער, פעברואר 21.

דער הונגער מארש פון די היגע ארבייטסלאזע איז שוין באזארגט מיט ענגלישע פאהנען.

ביז נעכטען איז עס געווען דער איינציגער אפהאלט, צוליעב וועלכען פאליציי וואלט געשטערט דעם געפלאנטען מארש אין שטאדט פון די ארבייטסלאזע, און דעם מארש פון זייערע דעלעגאטען קיין וויקטאריא, וואו זיי וועלען פארשטעלען זייערע פאדערונגען פאר דער פראווינציעלער לעדזשיסלייטשור.

דער נייער טשיף פאר פאליס קאל. ערדזשעט האט דעם פאראד דערלויבט מיט דעם באדינג, טראץ דעם, וואס דער פריערדיגער טשיף האט פארבאטען יעדען מין פאראד פון ארבייטסלאזע. לעצטען הערבסט איז ביי אזא פאראד געקומען צו אונרוהען און פיעלע זיינען פארוואונדעט געווארען און ארעסטירט געווארען.

ווען די ארבייטסלאזע האבען פארלאנגט, אז די שטאדט זאל אסיגנירען א סומע געלט פאר זיי צו קויפען פאהנען, האט דער סיטי קאונסיל זיי צוגעזאגט אויסלייהען זיי פאהנען. קיין געלט אויף דעם געבען האט דער מעיאר דערקלערט קענען זיי ניט.

אפקלאנג אין קאנאדער פארלאמענט וועגען „מזרח־מלחמה"

אטאווא פעברואר 20.

די מלחמה אין כינע האט נעכטען געפונען אן אפקלאנג אין קאנאדער פארלאמענט, ווען האנ. דזש. ל. ראלסטאן דער געוועזענער מיניסטער פון נאציאנאלער פארטיידיגונג, האט אויפגעהויבען די פראגע וועגען די קאנאדער "פיילאטס" וועלכע זוכען צו אנשליסען זיך אין דעם כינעזישען לופט־פלאט.

דער ספיקער האנ. דזשארדזש בלעק האט געפסקענט אז די פראגע איז ניט פון אלגעמיינער וויכטיגקייט און האט דאריבען אפגעשטעלט די דעבאטע ארום דעם.

אין דער זעלבער צייט האט דער פרעמיער פארגעלייענט א טעלעגראמע פון דעם קאנאדער האנדעלס קאמישיאנער אין שאנכאי, ווארענענדיג אז קיינער זאל פון קאנאדע ניט פאהרען קיין כינע ווייל 5 קאנאדער געפינען זיך שוין אין צרות דארט.

TORONTO
SYMPHONY
ORCHESTRA
80 מוזיקער
מעקמילען
דירייגענט
מעסי האל
דינסטאג, 23־טען פעברואר
5.15 נ. מ.
דושין
העסאן פעננעלי
דראמאטישע סאפראנא
אוווערטורע "עגמאנט" — בעטהאווען
אריע "פאטשע מיא דיא" פון "לא פארזא דעל דעסטינא" — ווערדי
סימפאניע נומ. 2 אין ד מיידזשאר — סיבעליוס
פרייזען: $1.00, 75ס., 50ס., 25ס.
פאראויס פארקויפט אין מעסי האל און מורי'ס, פון שבת, 20־טען פעברואר.

EMPIRE
די גאנצע וואך
צוויי מאל טעגליך 8.30 — 2.30
שעהנסטער סטאר אין בורלעסק
דזשיפסי רעי ריד
און די לוסטיגע פראכטפולע
„מיידלאך פון די פאלים"
מיט
טשארלס סמיט, לי היקמאן, מערי נאעל, גערטרוד ריד, פרענסיס מאזא, לעסטער מעק.
שוין איינמאל א שאו!
40 פולשטענדיגע היטס
פרייזען:
לוידים מאטינע טעגליך 25ס.
אווענט: 25ס. ביז $1.00
מאטינעס: 25ס. און 50ס.
קאלומביא בורלעסק

DUCHESS
THEATRE
Dundas cor. Markham
היינט און מארגען
22־טען, 23־טען פעברואר.
זי האט איהם געליבט! און דערפאר האט זי איהם פיעל מוחל געווען

„רעקלעס ליווינג"
מיט רעקארדא קארטעז, מעי קלארק, נארמאן פאסטער
עס קומט!
פרייטאג און שבת, פעברואר 26, 27
מאנטאג און דינסטאג, פעברואר 29, מערץ 1־טען
"די יעלא טיקעט"
מיט לייאנעל בארימאר, עליסא לאנדי

GARDEN
THEATRE
College at Spadina
בלויז 2 טעג
היינט און מארגען
22־טען און 23־טען פעברואר
די זינגענדיגע, טאנצענדיגע, אטעם פארכאפענדע, רייצענדע דראמע.



LUPE VELEZ and LAWRENCE TIBBETT in "The CUBAN LOVE SONG"
„די קובאן לאוו סאנג"
— מיט —
לארענס טיבעט און לופ וועלעז

PICKFORD THEATRE
קארנער קווין און ספעדיינע.
היינט, דינסטאג, מיטוואך און דאנערשטאג
שפילט נאכאנאנד פון 2 ביז 11
THIS IS A PICTURE!

„דער געלער בילעט"
THE YELLOW TICKET
די שטארקסטע דראמע פון גרעסטען קרבן, וואס א פרוי קען ברענגען. איהר מוזט עס זעהן!
with Elissa LANDI Lionel BARRYMORE Laurence OLIVIER
A Fox picture

גאלדענבערג'ס כשר רעסטאראנט
באזונדערע פלעצער פאר
- מילכיגס און פליישיגס -
די אמת'ע כשרה סיסטעם
עקזיסטירט זינט 1908.
273־275 ספעדיינע עוועניו. טעלעפאן וועיווערלי 4960.

פאלקס געזאנג קאמפיין
קאנצערט
דאנערשטאג, 25־טען פעב.
— אין —
מעסי האל
8 א זייגער אווענט
80 80
מוזיקער
אונטער דער לייטונג פון:
אלעקסאנדער טשוהאלדין

דער גרעסטער סימפאניע ארקעסטער וואס איז ווען געהערט געווארען.
בילעטען צו מעסיגע פרייזען צו באקומען ביי דאראטי דווארקין
525 דאנדעס סטריט וועסט

STANDARD THEATRE
אונזער נייער טעלעפאן נומער איז: וועיווערלי 6950
אב. קאגוט פרעזענטירט די גרויסע קינסטלער קא.
מיטוואך אווענט 24־טען פעברואר
ליידיס פריי 2 פאר איינס
אברהם גאלדפאדען'ס אונשטערבליכע אידישע אפערא
עקדת יצחק
אויפגעפיהרט פון יעקב זאנגער.
אויסגעשטאט פון אלעקס אמאסיא.
מוזיק איינשטודירט און דיריגירט פון מ. גינזבערג.
פערזאנען
אברהם — יעקב זאנגער
שרה — אנא טייטעלבוים
יצחק — יצחק ליפינסקי
ישמעאל — משה זיידמאן
אליעזר — היימי ראפאפארט
לוט — מר. בורג
די גאנצע קאמפאניע נעהמט אנטייל:
יעקב זאנגער צוזאמען מיט אונזער קינסטלער קאמפאני: אנא טייטעלבוים, אסתר פיעלד, חוה זימאנד, סטעלא שולמאן, יצחק ליפינסקי, היימאן ראפאפארט, משה זיידמאן און אליקס אמאסיא

אפיס טעלעפאן: עלגין 1619
נאך אפיס שטונדען: טריניטי 1446.
לאיער
ה. ס. מאנדעל
פון
גודמאן און מאנדעל
באריסטערס, סאליסיטארס א. א. וו.
רומס 40—41 אימפיריאל באנק בילדינג 171 יאנג סטריט

לאיערס גלעס און דיקלער
פון
GLASS - DICKLER & CO.
708 דאמיניאן בילדינג, 465 בעי סט.
אפיס טעלעפאן: עדעלייד 1168 — 1169
אלגעמיינע, ציווילע און קרימינעלע לאו־פראקטיק.
געלט געליהען און אינוועסטירט אויף מארטגעדזשעס.

אפיס:
45 ריטשמאנד סט. וועסט
904־905 סענטראל בילדינג
אפיס טעלעפאן:
עדעלייד 3083
הויז טעלעפאן: טריניטי 1078
לאיער סאול אייזען ב.א.
SOL. EISEN, B.A.
באריסטער, סאליסיטאר, נאטערי פאבליק
געלט געליהען און אינוועסטירט אויף מארטגעדזשעס

אפיס טעלעפאן:
עלגין 3641.
הויז טעלעפאן
לאידברוק 4758.
לאיער נייטען פהיליפס קיי. סי.
און קאמפאניע
NATHAN PHILLIPS, K.C.
אימפעריאל באנק בילדינג
171 יאנג סטריט
קארנער יאנג און קווין סט.
אפיס שטונדען: פון 10 פריה ביז 6 נ. מ.

אפיס:
45 ריטשמאנד סט. וועסט
705 סענטראל בילדינג.
אפיס טעלעפאן:
וועיווערלי 2211
הויז טעלעפאן קינגסדייל 3419.
לאיער ב. ווינבערג ב.א.
באריסטער, סאליסיטאר, נאטערי פאבליק
געלט צו לייען אויף מארגידזשעס.
מארגידזשעס געקויפט.